NEW

# לקוטי שיחות

TOLDOS תולדות

VOLUME 1, P. 45-59

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# TOLDOS I | תולדות א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Chayei Sarah,* 5719 (1958)

## Introduction

It is a moment all parents cherish – holding their young children, looking at them face-to-face, dreaming of the future. They have expectations. There are things of value they have found in life, and they want to give them to their children. But they want to impart more than what they themselves possess. They want to give their children the ability to discover, to build, to create on their own.

When Yitzchak was born, the dreams of Avraham and Sarah for him extended beyond his individual life. He was to be the heir who would carry forward their legacy. They sought to endow him with the potential not only to preserve what they had established, but to expand it. They wanted to give him not only their achievements, but the capacity to achieve.

In the *sichah* that follows, the Rebbe explores the nature of the empowerment Avraham and Sarah transmitted to Yitzchak – and what that transmission means for us as their descendants.

# Transmitting a Legacy

## Fathers and Sons

**1. On the verse,**[1] **"These are the offspring of Yitzchak, the son of Avraham; Avraham fathered Yitzchak…," the commentators ask: Why the redundancy, "Yitzchak, the son of Avraham" and "Avraham fathered Yitzchak"?**

**The plain meaning is that** the verse **is explaining the reason and the foundation** for Yitzchak's potential to produce progeny: Because **"Avraham fathered Yitzchak," it is possible for there to be "the offspring of Yitzchak, the son of Avraham" – offspring both in the simple sense and according to the interpretation of our Sages that the primary offspring of *tzadikim* are their Torah and *mitzvos*.**[2] In other words, it is the legacy that Yitzchak received from Avraham that made it possible for him to produce offspring in both a physical and spiritual sense.

א. אוֹיף דֶעם פָּסוּק וְאֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק - פְּרֶעגְן דִי מְפָרְשִׁים: פַארְוָואס וֶוערְט אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט טָאפְּלְט - יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אוּן אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק?

דֶער פְּשַׁט אִיז, אַז דָאס אִיז אַ נְתִינַת טַעַם אוּן אַ בַּאגְרִינְדוּנְג: דוּרְךְ וָואס אִיז מֶעגְלֶעךְ "תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם"? - (תּוֹלְדוֹת כִּפְשׁוּטוֹ אוּן לוֹיט דְרָשַׁת חַזַ"ל אַז עִיקַר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים זַיְינֶען תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת[א]) - דוּרְךְ דֶעם וָואס "אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק".

## What Makes a Feast Great?

**2. Several** spiritual **matters were initiated in connection with Yitzchak. Among them is his circumcision at eight days old. This represents the perfect** observance **of** the *mitzvah* of **circumcision.** Another point: Yitzchak began keeping *mitzvos* – i.e., **became a bar-mitzvah – when he reached the age of thirteen.**

These were unique to Yitzchak: **Avraham circumcised himself at 99 years. Also, Avraham did not become a bar-mitzvah at the age of thirteen. There**

ב. עֶס זַיְינֶען פַארַאן עֶטְלֶעכֶע עִנְיָנִים וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּם עֶרְשְׁט בַּיי יִצְחָק'ן, צְווִישְׁן זֵיי וֶוערְן גֶערֶעכְנְט, דָאס וָואס מֶען הָאט אִים גֶע'מַל'ט צוּ אַכְט טֶעג, וָואס מֵיינְט דִי שְׁלֵימוּת אִין דֶעם עִנְיָן פוּן מִילָה, אוּן וָואס עֶר אִיז בַּר מִצְוָה גֶעווָארְן צוּ דְרַיְיצְן יָאר.

- אַבְרָהָם הָאט זִיךְ מַל גֶעוֶוען צוּ 99 יָאר. אוֹיךְ דֶער עִנְיַן בַּר מִצְוָה צוּ 13 יָאר אִיז נִיט גֶעוֶוען

---

1. *Bereishis* 25:19.

**2. *Bereishis Rabbah* 30:6; *Midrash Tanchuma, Parshas Noach,* sec. 2; *Rashi, Bereishis* 6:9.**

**are various opinions among our Sages regarding Avraham's recognition of his Creator** and acceptance of His service: **at three years old,**[3] **at forty,**[4] **at forty-eight.**[5] **None,** however, mentioned that this took place **at the age of thirteen.**

**Both** Yitzchak's circumcision and bar-mitzvah **are alluded to in the verse,**[6] **"The child grew and was weaned, and Avraham made a great feast on the day that Yitzchak was weaned." One of the interpretations cited by our Sages**[7] **is that** the verse is referring to **the feast** celebrating Yitzchak's **circumcision. This is hinted at in the word *higamel* (הגמל, "was weaned"),** which can be read as **הג מל.** When combined, **the letters *hei* and *gimmel* are numerically equivalent to eight,** and *mal* means "circumcised," **i.e.,** the word alludes to the fact that **he was circumcised at eight days.**

**A second interpretation is that *vayigamal*** ("and **he was weaned") means "that he was weaned from the evil inclination to the good inclination."**[8] **This** occurs **at the age of thirteen years.**

**On the words "a great feast," the Midrash**[9] offers two interpretations:

a) **"[G-d,] the greatest of all worlds, was present."** This relates to **the interpretation given by our Sages**[10] **on the verse,**[11] "G-d said, **'You are My son, today, I have begotten you'" – that this verse refers to the day of David's bar-mitzvah. G-d's words** imply, "Today, **'I, have begotten you,' and not the *sitra achra,***[12] **[under whose influence you were] until now." This means that** David **was transferred from** the sway of **the evil inclination to that of the good inclination.**

**b)** It was **"a feast of great people" – Og, king of Bashan, and all the great people of the genera-**

בַּיי אַבְרָהָם'עֶן. עֶס זַיְינֶען פַאראַן פַארְשִׁידֶענֶע דֵיעוֹת אִין רַזַ"ל וֶועגְן אַבְרָהָם'עֶן - וֶוען הָאט עֶר דֶערְקֶענְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: צוּ דְרַיי יָאר[ב], צוּ פֶערְצִיק[ג], צוּ אַכְט אוּן פֶערְצִיק[ד], אָבֶער נִיט צוּ דְרַייצְן.

בֵּיידֶע אוֹיבְּן־דֶערְמָאנְטֶע עִנְיָנִים וֶוערְן אָנְגֶעדַייט אִין דֶעם פָּסוּק וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד וַיִּגָּמַל וַיַּעַשׂ אַבְרָהָם מִשְׁתֶּה גָדוֹל בְּיוֹם הִגָּמֵל אֶת יִצְחָק[ה]. וָואס דִי רַזַ"ל בְּרֶענְגֶען אֵיין דֵיעָה אַז דִי דָאזִיקֶע סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען בַּיְים בְּרִית[ו] וָואס דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דֶעם וָוארְט הִגָּמֵל, "הג־מָל" (הג - בַּאטְרֶעפְט אַכְט), דָאס הֵייסְט, גֶע'מַלְ'ט צוּ אַכְט טֶעג. אַ צְוֵוייטֶע דֵיעָה - אַז וַיִּגָּמַל מֵיינְט "שֶׁנִּגְמַל מִיֵּצֶר הָרָע לְיֵצֶר טוֹב"[ז] (אַז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע צוּם יֵצֶר טוֹב), וָואס דָאס אִיז צוּ דְרַייצְן יָאר.

אוֹיפְן וָוארְט "מִשְׁתֶּה גָדוֹל" שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ אַז דָאס מֵיינְט: א) גְּדוֹל עוֹלָמִים - דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער - אִיז דָארְט גֶעוֶוען, אוּן לוֹיט ווִי דִי רַזַ"ל דַרְשְׁ'נֶען[ח] אוֹיפְן פָּסוּק בְּנִי אַתָּה אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ[ט] אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער טָאג פוּן דָוִד'ס בַּר מִצְוָה, זָאגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער: אֲנִי גו' יְלִדְתִּיךָ אֲנִי וְלֹא סִטְרָא אָחֳרָא כְּמָה דַהֲוָה עַד הַשְׁתָּא (אִיךְ כִּבְיָכוֹל אוּן נִיט דִי סִטְרָא אָחֳרָא ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז אִיצְט) אוּן דָאס מֵיינְט וָואס עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן יֵצֶר הָרָע צוּם יֵצֶר טוֹב; ב) מִשְׁתֵּה גְדוֹלִים - אַ סְעוּדָה פוּן גְּדוֹלִים, וָואס עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אוּן

3. *Nedarim* 32a.

4. *Rambam, Hilchos Avodas Kochavim* 1:3.

5. *Bereishis Rabbah* 64:4.

6. *Bereishis* 21:8.

7. *Pirkei D'Rabbi Eliezer,* ch. 29; *Tosafos, Shabbos* 130a, s.v. *sos.*

8. *Bereishis Rabbah* 53:10. See *Rashi's* commentary on *Bereishis Rabbah* 53:13, s.v. *ben chof-zayin.*

9. *Bereishis Rabbah* 53:10.

10. *Zohar,* Vol. II, p. 98a

11. *Tehillim* 2:7.

12. Literally, "the other side," the nether forces within existence.

**tion were there. Since all the nations of the world made Avraham a king over themselves,[13] Avraham invited the kings, among them Og, when he made the feast.**

**The Midrash[9] relates that** when **Og** saw Yitzchak, he **remarked** derisively, **"What value does he have? With one finger, I can destroy Avraham's only son, Yitzchak." G-d responded to him, "By your life, you will see thousands and tens of thousands of his descendants, and your end will be that you will fall into their hands."**

אַלֶע גְדוֹלֵי הַדוֹר זַיְינֶען דָארְט גֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי אַלֶע פֶעלְקֶער פוּן דֶער וֶועלְט הָאבְּן גֶעמַאכְט אַבְרָהָם'עֶן פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זִיךְ[י], אִיז בְּשַׁעַת אַבְרָהָם הָאט גֶעמַאכְט דִי סְעוּדָה, הָאט עֶר אַיְינְגֶעלַאדְן דִי מְלָכִים, צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ עוֹג.

וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אִין מִדְרָשׁ[י״א] אַז עוֹג הָאט גֶעזָאגְט: וָואס פַּארַא וֶוערְט הָאט עֶר? מִיט אֵיין פִינְגֶער קֶען אִיךְ צוּנִישְׁט מַאכְן אַבְרָהָם'ס בֵּן יָחִיד, יִצְחָק'ן. הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: חַיֶיךָ, אַז דוּ וֶועסְט זֶען טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיקֶער טוֹיזְנְטֶער פוּן זַיְינֶע קִינְדֶער, אוּן דַיְין סוֹף וֶועט זַיְין אַז דוּ וֶועסְט אַרַיְינְפַאלְן אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט.

## A Bond of Knowledge and a Bond Above Knowledge

**3. Yitzchak's unique virtues can be explained** as follows: **The advantage of his being circumcised at eight days is the establishment of a bond with G-d that transcends comprehension and knowledge.[14] Avraham circumcised himself at 99 years, when he had** already acquired **a profound** and extensive breadth of **understanding. This is also alluded to in his name אברם, Avram, which can be divided as אב רם (*av ram,* "exalted father")**, meaning **intellect that transcends all conceptual thought, as stated in the works of Kabbalah and Chassidus.[15]**

**The advantage of circumcision at eight days, however, is that a child who still has not** begun to think **intellectually bonds with G-d with an eternal bond that is above comprehension and knowledge.[14] This is not a bond that stems from understanding. Instead, it** is an inherent connection **like** that of **a child who has an** innate **sensitivity to his father and mother and is** naturally **drawn to them.**

ג. דֶער בִּיאוּר פוּן דִי מַעֲלוֹת פוּן יִצְחָק'ן:

דִי מַעֲלָה וָואס עֶר אִיז גֶע'מַלְ'ט גֶעוָוארְן צוּ אַכְט טֶעג, דָאס אִיז דֶער פַארְבּוּנְד מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן טַעַם וְדַעַת. אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גֶע'מַלְ'ט צוּ 99 יָאר, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶער הַשָּׂגָה, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אוֹיךְ מְרוּמָּז אִין זַיְין נָאמֶען "אַבְרָם - אַב רָם", שֵׂכֶל הַנֶעְלָם מִכָּל רַעְיוֹן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין סְפָרִים פוּן קַבָּלָה אוּן חֲסִידוּת[י״ב]. דִי מַעֲלָה פוּן נִמּוֹל לִשְׁמוֹנָה אִיז אָבֶּער, אַז אַ קִינְד וָואס הָאט נָאךְ נִיט קֵיין שֵׂכֶל פַארְבִּינְדט זִיךְ מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֵייבִּיקְן פַארְבּוּנְד וָואס אִיז לְמַעְלָה מִטַּעַם וְדַעַת[י״ג].

דָאס אִיז נִיט קֵיין פַארְבּוּנְד וָואס נֶעמְט זִיךְ פוּן הַשָּׂגָה (פַארְשְׁטַאנְד), נָאר אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וָואס פִילְט זַיְין פָאטֶער אוּן מוּטֶער אוּן צִיט זִיךְ צוּ זֵיי.

---

13. *Bereishis Rabbah* 43:5; *Rashi* on *Bereishis* 14:17.

14. See the lengthy explanation in *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 19ff.

15. *Torah Or,* the beginning of *Parshas Lech Lecha.* As explained in *Chassidus* (*Tanya,* ch. 3, *et al.*), *Chochmah* is described with the metaphor of a father.

## The Ongoing Nature of Yitzchak's Bond

**4. There is an inquiry in the works** of Torah scholarship[16] **whether the *mitzvah* of circumcision is** fulfilled **only at the time the circumcision is** actually **performed, or whether it is a continuous *mitzvah***, in other words, **a *mitzvah* that extends perpetually.** Once a person has been circumcised, he is considered to be continuously fulfilling this *mitzvah* every moment of his life.[17]

**A proof that** circumcision **is a continuous *mitzvah***[18] can be **gleaned from a story the Gemara**[19] **relates regarding King David:** Once, **he entered the bathhouse and** became distressed when he **saw that he was naked, without any *mitzvos*. When he remembered the *mitzvah* of circumcision, he became calm.**

**In terms of Divine service, this means that even later, when a person has** developed his **intellectual grasp and understanding, he still retains the bond and covenant that transcends comprehension and knowledge established with G-d by his circumcision at eight days.** Although he has developed his understanding, **it is still demanded of him** to connect to G-d in a manner that transcends his intellectual grasp.

This is fundamentally necessary for our Divine service. **If** our **bond** with G-d **were to be** dependent **merely on our understanding and measured according to that understanding, it would be limited.** Consider: The person's understanding may be **superficial or profound. Nevertheless,** since his connection with G-d is based on his understanding, by nature, **it will be limited** because he cannot comprehend – and hence, relate to – G-d in His infinity.

For this reason, **even when** a person **has developed** his **mind,** his **bond with G-d should be characterized by** a commitment transcending understanding. Such a

ד. פַּאֲראַן אַ חֲקִירָה אִין סְפָרִים אוֹיבּ דִי מִצְוָה פוּן מִילָה אִיז נָאר בְּשַׁעַת קִיוּם מִצְוַת מִילָה אָדֶער דָאס אִיז אַ מִצְוָה נִמְשֶׁכֶת, דָאס הֵייסְט אַ מִצְוָה וועֶלְכֶע צִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיק. פוּן דֶעם וואָס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט[יד] וועֶגְן דָּוִד הַמֶּלֶךְ, בְּשַׁעַת עֶר אִיז אַרַיְין אִין בֵּית הַמֶּרְחָץ אוּן הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז נַאקֶעט וכו' אָן מִצְווֹת, אוּן בַּאלְד ווִי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמָאנְט אִין דֶער מִצְוַת מִילָה הָאט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיקְט - בְּרֶענְגְט מֶען דִי רַאְיָה אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה נִמְשֶׁכֶת תָּמִיד.

אִין עֲבוֹדָה מֵיינְט דָאס, אַז אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער, ווֶען דֶער מֶענְטשׁ הָאט שׁוֹין פַאְרשְׁטַאנְד אוּן הַשָּׂגָה, מָאנְט זִיךְ פוּן אִים אוּן עֶס בְּלַיְיבְּט בַּיי אִים דֶער פַאְרבּוּנְד אוּן בְּרִית מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִין דֶעם זֶעלְבְּן אוֹפֶן ווִי דָאס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטָאן בְּשַׁעַת מֶען הָאט אִים גֶע'מַלְ'ט צוּ אַכְט טֶעג - לְמַעְלָה מִטַּעַם וְדַעַת.

ווָארוּם אוֹיבּ דֶער פַאְרבּוּנְד ווֶעט זַיְין נָאר מִצַּד דֶעם שֵׂכֶל אוּן לוֹיט דֶעם שֵׂכֶל, ווֶעט עֶר זַיְין אַ בַּאגְרֶענֶעצְטֶער, צִי אוֹיבְּנְאוֹיף אָדֶער טִיפֶער, אָבֶּער אַלְץ אַ בַּאגְרֶענֶעצְטֶער. דֶערְפַאר מָאנְט זִיךְ אַז אוֹיךְ ווֶען עֶר אִיז שׁוֹין אַ בַּר שֵׂכֶל זָאל דֶער פַאְרבּוּנְד

---

16. *Mifaneiach Tzefunos,* pp. 130-131; *Encyclopedia Talmudis,* Vol. 46, pp. 402-403, *et al.*

17. There are two dimensions to the *mitzvah* of circumcision: a) the actual cutting of the flesh of the foreskin, and b) the person to be circumcised. The latter dimension continues even after the actual circumcision was completed. See *Likkutei Sichos,* Vol. 3, p. 759, *Mifaneiach Tzefunos* and *Encyclopedia Talmudis,* loc. cit., *et al.*

18. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 41.

**19. *Menachos* 43b.**

bond is established through circumcision at eight days. It instills within the child a motivation toward **self-sacrifice and the acceptance of the yoke of Heaven that is** not restricted by his **understanding and knowledge.**

מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן זַיְין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אוּן קַבָּלַת עֹל וָואס אִיז לְמַעְלָה מִטַּעַם וָדַעַת.

## Celebrating in the Shadow of a Giant

**5.** As mentioned,[20] there are two interpretations regarding **the feast Avraham made "on the day that Yitzchak was weaned."** Avraham was celebrating **the connection Yitzchak** had forged **with G-d, whether** through: **a)** the **"eternal covenant" of circumcision, or b)** his **bar-mitzvah,** as associated with the verse, "G-d said, '**You are My son, today, I have begotten you.**'" At that feast, **Og, king of Bashan, ridiculed** Yitzchak **and boasted that with his strength and power, he could destroy** all **this.** Nevertheless, **not only was** Avraham **not intimidated by him but, on the contrary, he** celebrated and showcased **"the day that Yitzchak was weaned"** with very great flourish.

Moreover, **at that very moment, Og's downfall began,** for **G-d's word is considered an actual deed**[21] and, at the feast, Og **was told** by G-d **that he would fall** at the hands of **Yitzchak's descendants.**

ה. בְּשַׁעַת אַבְרָהָם הָאט גֶעמַאכְט אַ מִשְׁתֶּה "בְּיוֹם הִגָּמֵל אֶת יִצְחָק" - צוּלִיבּ דֶעם וָואס יִצְחָק וֶוערְט פַארְבּוּנְדְן מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן - צִי "בְּרִית עוֹלָם" פוּן מִילָה, צִי "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ" פוּן בַּר מִצְוָה - אִיז כָאטשׁ אַז עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים אוּן בַּארִימְט זִיךְ אַז מִיט זַיְין כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקַיְיט קֶען עֶר דָאס מַאכְן צוּנִישְׁט - אִיז נִיט נָאר וָואס מֶען אִיז נִיט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן אִים נָאר אַדְּרַבָּא, מֶען הָאט נָאךְ גֶעמַאכְט אַ "פַּארַאד" פוּן דֶעם "יוֹם הִגָּמֵל אֶת יִצְחָק", אוּן נָאךְ מֶערֶער, וָואס עֶס הָאט זִיךְ גְלַיְיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַפָּלַת עוֹג - בְּדִבּוּרוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁחָשִׁיב מַעֲשֶׂה[טו] (מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס וָוארְט וֶועלְכֶע וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי אַ מַעֲשֶׂה בְּפּוֹעֵל), מֶען הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט פַאלְן דוּרְךְ יִצְחָק'ס אֵיינִיקְלֶעךְ.

## Avraham's Legacy

**6.** Yitzchak's potential to overcome the challenges the outside world poses – to the extent of *mesiras nefesh* – **is alluded to and explained by the verse,** "These are the offspring of Yitzchak, the son of Avraham; Avraham fathered Yitzchak…." The verse is answering the question: **How can there be "the offspring of Yitzchak"?** Because **"Avraham fathered Yitzchak."** Not only **did he father Yitzchak**

ו. אוּן דָאס אִיז מְרַמֵּז דֶער פָּסוּק אוּן דֶערְקְלֶערְט: וִוי אַזוֹי הָאט גֶעקָאנְט זַיְין "תּוֹלְדוֹת יִצְחָק" - דוּרְךְ "אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק", וָואס דָאס מֵיינְט,

---

20. See sec. 2.

21. *Bereishis Rabbah* 44:22.

– and thus impart his qualities to him – **he also made Yitzchak capable of fathering** descendants of his own and imparting these qualities to them.

What was the legacy of **Avraham** imparted to Yitzchak? **"Avraham was one"**[22] **– he was the only Jew in the entire world. The entire world stood on one side, and he stood on the other.**[23] **Nevertheless,** Avraham proceeded undaunted. **He proclaimed G-d's name everywhere, as the Torah relates,**[24] **וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם הֲוָיָ' אֵ־ל עוֹלָם, "He called out there the name of the L-rd, the eternal G-d."**

As explained in *Chassidus,*[25] although אֵ־ל עוֹלָם literally means "the eternal G-d," the word *olam*, translated as "eternal," also means "world." Building on that meaning, אֵ־ל עוֹלָם could be interpreted as **אֵ־ל הָעוֹלָם, "G-d of the world."** However, that interpretation has a shortcoming. It allows for the understanding that, although **G-d is the master of the world, the world is one distinct entity and G-d is a separate entity.** By contrast, אֵ־ל עוֹלָם suggests that G-d and the world are one. **Avraham was proclaiming that the very existence of the world itself** derives **"from the truth of His Being,"**[26] from **G-dliness.** As such, **"there is nothing else besides Him."**[27]

**Avraham transmitted this way of life as an inheritance to his son Yitzchak.** Because of this legacy, **Yitzchak had the potential to conceive offspring:** spiritual offspring, **Torah,** ***mitzvos*****, and good deeds, and also offspring in a simple sense, descendants** who **endure and stand forever,** progeny **into whose hands Og would** ultimately **fall.**

עֶר הָאט גֶעבָּארְן יִצְחָק'ן אוּן עֶס מֵיינְט אוֹיךְ אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט יִצְחָק'ן צוּ מוֹלִיד זַיְין.

אַבְרָהָם'ס עִנְיָן - ווִי דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט - אִיז גֶעוֶוען אַז כָּאטשׁ אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם[טז] (אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען אֵיין אֵיינְצִיקֶער אִיד אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט), דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין זַיְיט אוּן עֶר - פוּן דֶער צְווֵייטֶער זַיְיט[יז], פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן הָאט עֶר אוּמֶעטוּם אוֹיסְגֶערוּפְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען, "וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם הֲוָיָ' אֵ־ל עוֹלָם"[יח], נִיט "אֵ־ל הָעוֹלָם" - וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז וֶועלְט אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער זַאךְ אוּן גֶ־טְלֶעכְקַייט אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער זַאךְ אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּלוֹיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אַבְרָהָם הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן, אַז דִי מְצִיאוּת פוּן וֶועלְט גוּפָא אִיז "מֵאֲמִתַּת הִמָּצְאוֹ"[יט], אֱלֹקוּת, - אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ.

אוּן דִי דָאזִיקֶע הַנְהָגָה הָאט אַבְרָהָם אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן בִּירוּשָּׁה צוּ זַיְין זוּן יִצְחָק, וָואס דוּרְךְ דֶעם הָאט גֶעקֶענְט זַיְין תּוֹלְדוֹת יִצְחָק - תּוֹרָה, מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן תּוֹלְדוֹת אוֹיךְ כִּפְשׁוּטוֹ - אַז זֵיי (זַיְינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ), זַיְינֶען, קַיָּמִים וְנִצָּבִים לְעוֹלָם, אוּן עוֹג פַאלְט אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט.

22. *Yechezkel* 33:24.

23. *Bereishis Rabbah* 42:8.

24. *Bereishis* 21:33.

25. See *Likkutei Torah, Parshas Ki Savo, Devarim,* pp. 42d, 43c; the conclusion of the *maamar* beginning *Anochi Havayah Elokecha, 5673*, in the series of *maamarim* entitled *BeShaah Shehikdimu, 5672,* Vol. 1, p. 257; the *maamar* entitled *Basi LeGani,* 5711, sec. 8 (*Sefer HaMaamarim Basi LeGani,* Vol. 1, p. 35; *Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 2, p. 270).

26. *Rambam, Hilchos Yesodei HaTorah* 1:1.

27. *Devarim* 4:35, cited by *Rambam,* loc. cit. 1:4.

## The Path Forward

**7. The lesson every Jew** can derive **from this is: When a Jew considers the setting in which he is found, a world "whose deeds are harsh and evil and in which the wicked prevail,"**[28] he may feel lost. After all, he is confronted by **a manifold concealment and veiling** of G-dliness. **Even within his** own life, **the greater part of his day is spent on matters of this world,** some of **which stand very forcefully against matters of holiness.** The situation is **comparable to – and even surpasses –** pitting **Og's strength against that of an eight-day-old child;** this is **particularly** true **regarding the external concealments** and challenges one faces. Indeed, the challenges every Jew faces as an individual are mirrored in – and multiplied by the challenges of our people **as a whole,** since **the Jews are "the fewest of all peoples."**[29]

Even **when** a Jew **is engaged in matters of holiness and, certainly, when he makes "a great feast,"** at which **"all the peoples of the earth shall see that the name of G-d is called upon you,"**[30] **there are those who come and say they can destroy him and reduce him to nothing**.

In such circumstances, **he might think: From where can I draw strength** to live a life of **Torah,** ***mitzvos,*** **and good deeds?** The challenges are all so much greater because **this** service **is demanded of him not only at** ***Neilah,*** the concluding prayer on **Yom Kippur,** when everyone is spiritually aroused, **but throughout the entire year. How can he overcome the all**-encompassing **concealment and veiling** of G-dliness he faces?

In response, **he is taught** the **lesson, "The actions of the Patriarchs are a sign [– and empower –] their descendants,"**[31] and **"Avraham fathered**

ז. דִי אָנְוַוייזוּנְג פוּן דֶעם צוּ יֶעדֶער אִידְן אִיז:

בְּשַׁעַת אַ אִיד בַּאטְרַאכְט זִיךְ וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ: עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַן עוֹלָם וָואס מַעֲשָׂיו קָשִׁים וְרָעִים וְהָרְשָׁעִים גוֹבְרִים בּוֹ[כ], (אַ וֶועלְט וָואס זַיְינֶע מַעֲשִׂים זַיְינֶען שְׁווֶער אוּן שְׁלֶעכְט אוּן דִי רְשָׁעִים שְׁטַארְקְן זִיךְ אִין אִים), עֶר הָאט פִיל הַעֲלָמוֹת וְהֶסְתֵּרִים, אוּן אֲפִילוּ בַּיי זִיךְ אַלֵיין אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער טֵייל פוּן טָאג גֵייט בַּא אִים אַוֶועק אוֹיף עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶה ווֶעלְכֶע שְׁטֵייעֶן מִיט אַ תּוֹקֶף אַנְטְקֶעגְן דִי עִנְיָנִים פוּן קְדוּשָּׁה ווִי דִי שְׁטַארְקַייט פוּן עוֹג אַנְטְקֶעגְן אַ קִינְד פוּן אַכְט טֶעג אוּן נָאךְ מֶער, וּבִפְרַט דִי דְרוֹיסֶענְדִיקֶע הַעֲלָמוֹת וְהֶסְתֵּרִים, אַזוֹי אוֹיךְ אִידְן בִּכְלַל זַיְינֶען דָאךְ - אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים[כא] (דִי קְלֶענְסְטֶע צְווִישְׁן דִי פֶעלְקֶער).

אוּן בְּשַׁעַת אַז עֶר טוּט אִין עִנְיָנִים פוּן קְדוּשָּׁה, ווֶער רֶעדט נָאךְ אַז עֶר מַאכְט אַ מִשְׁתֶּה גָדוֹל, אַז וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה׳ נִקְרָא עָלֶיךָ[כב], קוּמֶען אַזֶעלְכֶע ווֶעלְכֶע זָאגְן אַז מֶען קֶען אִים צֶערַייבְּן אוּן מַאכְן פוּן אִים אַיִן וְאֶפֶס.

קֶען עֶר דָאךְ אַ טְרַאכְט טָאן: פוּן וַואנֶען ווֶעט עֶר נֶעמֶען כֹּחַ אוֹיף תּוֹרָה מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים? אוּן דָאס דַארְף דָאךְ זַיְין, דָאס מָאנְט מֶען בַּיי אִים, נִיט נָאר יוֹם כִּפּוּר צוּ נְעִילָה נָאר אַ גַאנְץ יָאר. ווִי אַזוֹי קֶען עֶר בַּייקוּמֶען דִי אַלֶע הַעֲלָמוֹת וְהֶסְתֵּרִים?

זָאגְט מֶען אִים אַ הוֹרָאָה: מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן (וּנְתִינַת כֹּחַ) לַבָּנִים[כג]. אַבְרָהָם

---

28. *Tanya,* ch. 6.

29. *Devarim* 7:7.

30. Ibid. 28:10.

31. *Ramban, Bereishis* 12:6, based on *Midrash Tanchuma, Parshas Lech Lecha,* sec. 9.

הוֹלִיד אֶת יִצְחָק. עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, דֶער פָּאטֶער פוּן אַלֶע אִידְן, וְוָאס עֶר אִיז נִיט נִתְפָּעֵל גֶעוְוָארְן פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אוּן גֶעשְׁרִיעֶן אֵ־ל עוֹלָם, אַז דִי וֶועלְט אִיז אֱלֹקוּת - אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז - הוֹלִיד אֶת יִצְחָק, לוֹיט בֵּיידֶע - אוֹיבְּן־דֶערְמָאנְטֶע - פֵּירוּשִׁים.

אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער אִיד אִין יֶעדֶער צַיְיט אוּן יֶעדֶער אָרְט הָאט גָאר נִיט וָואס צוּ שְׁרֶעקְן זִיךְ פַאר דִי וָואס מֵיינֶען אַז כֹּחָם וְעֹצֶם יָדָם כו', עֶר פַארְבִּינְדט זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן לְמַעְלָה מִטַּעַם וְדַעַת, אוּן טְרָאגְט דָאס אַרָאפּ אוֹיךְ אִין וָואכֶעדִיקֶע טֶעג אוּן וָואכֶעדִיקֶע מַעֲשִׂים, אוּן מַאכְט פוּן גַשְׁמִיּוּת כֵּלִים צוּ אֱלֹקוּת, תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בְּרוּחְנִיּוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט נִמְשָׁךְ אוֹיךְ אִין תּוֹלְדוֹת יִצְחָק כִּפְשׁוּטוֹ, אַז יִצְחָק'ס אֵיינִיקְלֶעךְ זַיְינֶען מְנַצֵּחַ דִי אַלֶע וֶועלְכֶע קֶעמְפְן קֶעגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיְין תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דִי מִלְחָמָה פוּן עוֹג, אוּן דָאס אִיז דִי הַקְדָּמָה אוּן הֲכָנָה צוּם אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - אֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

(משיחת ש"פ חיי שרה, תשי"ט)

Yitzchak." Every Jew **descends from Avraham, our Patriarch, the forefather of all Jews. He was not intimidated by the entire world and proclaimed אֵ־ל עוֹלָם, that the world itself is G-dliness, that "there is nothing else besides Him." Through this, "he fathered Yitzchak,"** granting him the potential to establish a legacy **according to both the above-mentioned interpretations.**

**Similarly, in every time and place, every Jew has absolutely nothing to fear from those who think that "their power and the might of their hand"**[32] enable them to prevail. A Jew's strength stems from his **bond with G-d that transcends understanding and knowledge, and is brought down even into his everyday, ordinary actions.** In doing so, **he makes the physical into a conduit for G-dliness,** producing **the offspring of Yitzchak in a spiritual sense.**

**Through this,** blessing **is also drawn down for the offspring of Yitzchak in the simple sense – Yitzchak's descendants are empowered to triumph over all those who fight against G-d and His Torah, just as** they triumphed in **the war against Og. Such** conduct **prepares and readies** them **to take possession of *Eretz Yisrael,* our Holy Land, led by *Mashiach.* May he come speedily in our days.**

---

32. Cf. *Devarim* 8:17.

---

א) בראשית רבה פ"ל, ו. תנחומא ופירוש רש"י ריש פרשת נח.
ב) נדרים לב, א.
ג) רמב"ם פ"א מהלכות עכו"ם הלכה ג.
ד) בראשית רבה סד, ד.
ה) בראשית כא, ח.
ו) פרקי דרבי אליעזר פכ"ט. תוספות ד"ה שש, שבת קל, א.
ז) בראשית רבה נג, י. זע אין פירוש רש"י (אויף מדרש) ד"ה בן כ"ז, שם יג.
ח) זהר ח"ב צח, א.
ט) תהלים ב, ז.
י) בראשית רבה מג, ה. פירוש רש"י לך (יד, יז).
יא) בראשית רבה נג, י.
יב) תורה אור ריש פרשת לך.
יג) זע אויספירלעך לקו"ש ח"א עמוד 19 און ווייטער.
יד) מנחות מג, ב.
טו) מדרש רבה פרשת לך פ' מד, כב.
טז) יחזקאל לג, כד.
יז) בראשית רבה מב, ח.
יח) בראשית כא, לג.
יט) לקוטי תורה תבוא מג, ג. סוף ד"ה אנכי ה' אלקיך תער"ג (בהמשך תער"ב ח"א). ד"ה באתי לגני תשי"א אות ח (סה"מ באתי לגני ח"א ע' לה. סה"מ מלוקט ח"א ע' ט).
כ) תניא פ"ו.
כא) דברים ז, ז.
כב) דברים כח, י.
כג) זע לקו"ש ח"א עמוד 35, הערה 17.

# TOLDOS II | תולדות ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Toldos,* 5714 (1953)

## Introduction

Each of us experiences moments that lift us beyond ourselves – a profound prayer, an insight that illuminates everything, an experience of connection that feels timeless. However, this moment is fleeting; the inspiration recedes and we return to ordinary life. Perhaps, we carry a memory, but the living reality seems to belong to another realm, inaccessible amid the concerns of everyday existence.

What if it didn't have to fade? What if the boundary between transcendent experience and daily life were less absolute than we assume? The Kabbalists speak of "living in the house and the loft simultaneously"[1] – dwelling in this material world while remaining conscious of higher realities – not alternating between them but inhabiting both at once.

This seems impossible. How can a soul anchored in physical existence retain awareness of what lies beyond? Yet in the *sichah* that follows, the Rebbe reveals that our forefather Yitzchak lived in this manner. Like a father who conveys an inheritance to his children, Yitzchak transmitted this capacity to all his descendants. As a result, each of us can integrate the heightened spiritual awareness we feel at certain times into our daily experience, making it an ongoing part of our lives.

1. *Likkutei Torah* of the *Arizal, Parshas Bereishis.*

sie

# Living in Two Worlds

## To Whom Will Our People Turn in the Future?

**1.** Our Sages[1] teach **that in the Ultimate Future,** the Jews will turn to **Yitzchak specifically** and **say, "For you are our father."**[2] ***Chassidus***[3] **explains the reason is that Yitzchak embodied fear and *bittul*** **("self-nullification"), and the** consummate expression of these qualities **will be among the innovations of that future era.**

**It can be said that this is why we find that Yitzchak** functioned **as a paradigm of the Ultimate Future in several ways.** Our Sages[4] teach **that G-d gave all the Patriarchs** – not only Yitzchak – **"a foretaste of the World to Come." However, their appreciation of the World to Come involved only pleasure** – as implied by the term **"a foretaste." By contrast, Yitzchak's entire life exemplified the future era, because at the *Akeidah,*** when he was bound as a sacrifice on Mount Moriah, **his soul departed,**[5] **and a soul from the World to Come was drawn into him.**

א. עֶס שְׁטֵייט[כד] אַז לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועט מֶען זָאגְן דַוְקָא אוֹיף יִצְחָק'ן כִּי אַתָּה אָבִינוּ[כה]. דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין חֲסִידוּת[כו] וַוײַל יִצְחָק אִיז דֶער עִנְיָן פוּן פַּחַד אוּן בִּיטוּל, וָואס דָאס אִיז דָאךְ אֵיינֶער פוּן דִי חִידוּשִׁים פוּן דֶעם זְמַן פוּן לֶעָתִיד לָבוֹא.

קֶען מֶען זָאגְן, אַז דֶערְפַאר גֶעפִינְט מֶען אוֹיף יִצְחָק'ן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין כַּמָּה עִנְיָנִים בְּדוּגְמָא דְלֶעָתִיד לָבוֹא. אוֹיף אַלֶע אָבוֹת שְׁטֵייט[כז], הִטְעִימָן מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא (הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט זֵיי גֶעגֶעבְן צוּ פַארְזוּכְן מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא), נָאר בַּיי אַלֶע אָבוֹת אִיז דֶער מֵעֵין עוֹלָם־הַבָּא גֶעוֶוען בְּלוֹיז אִין דֶעם עִנְיָן פוּן תַּעֲנוּג - הִטְעִימָן - אָבֶּער בַּיי יִצְחָק'ן אִיז זַײַן גַאנְצֶער לֶעבְּן גֶעוֶוען בְּדוּגְמָא דְלֶעָתִיד, וָוארוּם בַּיי דֶער עֲקֵדָה אִיז דָאךְ פָּרְחָה נִשְׁמָתוֹ[כח] אוּן סְ'אִיז נִמְשָׁךְ גֶעוָוארְן אִין אִים אַ נְשָׁמָה דְעָלְמָא דְאָתֵי - פוּן עוֹלָם הַבָּא.

## From One World to Another

**2. In truth, this aspect** alone **does not represent Yitzchak's unique quality.** The experience of a person's **soul departing** and returning is not exclusive to Yitzchak. For example, t**here are opinions that the son of the Shunamite woman**[6] **and others**[7] **also experienced the de-**

ב. בֶּאֱמֶת אִיז נָאךְ נִיט דָאס דִי מַעֲלָה פוּן יִצְחָק'ן, וָוארוּם דֶער עִנְיָן פוּן פָּרְחָה נִשְׁמָתוֹ גֶעפִינְט מֶען אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע. עֶס זַײנֶען פַאַראַן דֵיעוֹת אַז בַּיי דֶעם בֶּן הַשּׁוּנַמִּית[כט] אוּן בַּיי נָאךְ אַנְדֶערֶע[ל] אִיז

---

1. ***Shabbos*** **89b.**

2. ***Yeshayahu*** **63:16.**

3. ***Torah Or,*** **p. 17c.** This concept was also explained in the *maamar* entitled *Lehavin Inyan Erev Rosh Chodesh* delivered at this *farbrengen.* See *Toras Menachem,* Vol. 21, p. 156ff.

4. ***Bava Basra*** **16b.**

5. ***Zohar,*** **Vol. I, p. 60a. See also *Pirkei D'Rabbi Eliezer,* ch. 31.**

6. See *II Melachim,* ch. 4; ***Zohar,*** **Vol. II, p. 44b; see *Nitzutzei Oros* on that passage.**

7. ***Shabbos*** **88b** (which speaks of the departure of the Jews souls' at the Giving of the Ten Commandments

**parture** and return **of their souls. Yitzchak's** unique **quality is that he** experienced a reality that **transcended this world and,** moreover, **brought** a dimension of **that** reality **into this world with him, as will be explained below.**

**Regarding the verse,**[8] **"And the youths matured,"** our Rabbis[9] **state that when** Yaakov and Esav **turned thirteen years old, "this one (Yaakov) turned to the study halls and this one (Esav) turned to idolatry."**

The commentators **question:**[10] The Midrash[11] **states that Avraham should have lived 180 years, but five years were taken from him so that he would not see Esav, his grandson, go astray.** Based on the above, this seems problematic because **Avraham was still alive when Esav turned to idolatry** at the age of 13. The reckoning is as follows: **Avraham was 100 years old when Yitzchak was born, and "Yitzchak was sixty years old when [Rivkah] bore them,"**[12] (i.e., Esav and Yaakov)**. Thus, when Esav became thirteen and turned to idolatry, Avraham was 173 years old.** It comes out that in those **two years, he** would have **seen Esav going astray.**

*Daas Zekeinim MiBaalei HaTosafos*[13] **resolves** the matter, explaining **that** during **those two years – as long as Avraham was alive – Esav sinned secretly** and Avraham was unaware of Esav's going astray. **This answer, however, is insufficient, because if Esav could have sinned secretly for two years, he could also have sinned secretly for another five years, and there would have been no need to subtract five years from Avraham's life.**

גֶעוועֶן פָּרְחָה נִשְׁמָתָם. דִי מַעֲלָה פוּן יִצְחָקְ'ן אִיז, וָואס עֶר אִיז גֶעוועֶן לְמַעְלָה מֵהָעוֹלָם (הֶעכֶער פַאר וֶועלְט) אוּן הָאט פוּן דָארְט מִיטְגֶענוּמֶען אִין עוֹלָם, וִוי דֶערְקְלֶערְט וַוייטֶער.

אוֹיפְן פָּסוּק וַיִּגְדְּלוּ הַנְּעָרִים שְׁטֵייט[לא], אַז בְּשַׁעַת זֵיי זַיְינֶען גֶעוּוָארְן אַלְט דְרַייצְן יָאר, זֶה פֵּרֵשׁ לְבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת וְזֶה פֵּרֵשׁ לַעֲבוֹדַת אֱלִילִים (אִיז יַעֲקֹב אַוֶועק אִין בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת אוּן עֵשָׂו - צוּ דֶער עֲבוֹדָה זָרָה). פְּרֶעגְט מֶען[לב] אוֹיף דֶעם, עֶס שְׁטֵייט[לג] אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדַארְפְט לֶעבְּן הוּנְדֶערְט אוּן אַכְצִיק יָאר, נָאר מֶען הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען בַּיי אִים פִינְף יָאר כְּדֵי עֶר זָאל נִיט זֶען אַז עֵשָׂו זַיְין אֵיינִיקְל גֵייט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, קוּמְט אוֹיס אַז בְּשַׁעַת עֵשָׂו אִיז אַוֶועק צוּ עֲבוֹדָה זָרָה, הָאט נָאךְ אַבְרָהָם גֶעלֶעבְּט, וָוארוּם צוּ יִצְחָקְ'ס גֶעבּוּרְט אִיז אַבְרָהָם אַלְט גֶעוועֶן הוּנְדֶערְט יָאר, אוּן יִצְחָק בֶּן שִׁשִּׁים שָׁנָה בְּלֶדֶת אוֹתָם, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז בְּשַׁעַת עֵשָׂו אִיז גֶעוָוארְן דְרַייצְן יָאר אוּן פֵּרֵשׁ לַעֲבוֹדַת אֱלִילִים, אִיז אַבְרָהָם אַלְט גֶעוועֶן הוּנְדֶערְט דְרַיי אוּן זִיבֶּעצִיק יָאר, הָאט עֶר דָאךְ צְוֵויי יָאר גֶעזֶען וִוי עֵשָׂו אִיז יוֹצֵא לְתַרְבּוּת רָעָה?

דֶער דַּעַת זְקֵנִים מִבַּעֲלֵי הַתּוֹסְפוֹת פַארֶענְטְפֶערְט[לד] אַז דִי צְוֵויי יָאר חָטָא בְּמַטְמוֹנִיּוֹת (כָּל זְמַן אַבְרָהָם הָאט גֶעלֶעבְּט הָאט עֶר גֶעזִינְדִיקְט בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט). דֶער תֵּירוּץ אִיז אָבֶּער נִיט גֶענוּג, וָוארוּם אוֹיבּ עֶס הָאט גֶעקֶענְט זַיְין אַז עֶר זָאל זִינְדִיקְן צְוֵויי יָאר בְּמַטְמוֹנִיּוֹת, הָאט דָאךְ גֶעקֶענְט זַיְין אַז עֶר זָאל זִינְדִיקְן נָאךְ פִינְף יָאר בְּמַטְמוֹנִיּוֹת, אוּן מֶען זָאל נִיט דַארְפְן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן אַבְרָהָמ'עֶן פִינְף יָאר?

---

at Sinai); ***Pirkei D'Rabbi Eliezer,*** **ch. 33;** ***et al.*** **It is obvious that not all instances of** a person's soul **departing** and returning **are identical.**

8. *Bereishis* 25:27.

9. ***Rashi*** on the verse, **based on *Bereishis Rabbah* 63:10.**

10. ***Baalei HaTosafos al HaTorah*** **in the name of the** ***Talmud Yerushalmi.***

11. ***Bereishis Rabbah*** **63:12.**

12. *Bereishis* 25:27.

13. **Their commentary on the above verse, in the name of the *Talmud Yerushalmi.***

*Asarah Maamaros*[14] **and** *Rivo*[15] **offer another answer to this** difficulty – **that from the time of the** *Akeidah,* **while Yitzchak waited**[16] **until Rivkah became three years, he was in** *Gan Eden.*[17] These years were not included in the sum of his life **because** *Gan Eden* **transcends the** dimension of **time** in this **world. As such, when Yaakov and Esav were born, more than sixty-two years had passed since Yitzchak's birth. Nevertheless, Yitzchak was only sixty years old, because the years** he spent **in** *Gan Eden* **were above** the reckoning of **time** in this world.

At the time of the birth of Yaakov and Esav, **Avraham was 162 years old**[18] **and Yitzchak 60.** The seeming contradiction is resolved because **when Yitzchak returned to this world and its time, the two years he spent in** *Gan Eden* **were not counted** in his age.[19] This is the unique virtue of Yitzchak. Even when he returned to this world, the time he spent in *Gan Eden* affected him internally; he did not age.

By contrast, **there are times when a person rises above** the ordinary framework of **time,** but **later, when he returns to** ordinary **time,** the difference between his experience in a loftier realm of time and the flow of time in this world **is noticeable.** For example, **there is a story about the Baal Shem Tov**[20] **who,** in a letter **to his brother-in-law, Reb Gershon** Kitover, described **a matter that actually happened later** in time. **The Baal Shem Tov had ascended to the world of** *Yetzirah,* **where (ten or) fifteen years** pass **in a single glance.** In that loftier realm, he saw

אִין עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת אוּן אוֹיךְ פוּן רִיבָ"א אִיז פַאַראַן נָאךְ אַ תִּירוּץ אוֹיף דֶעם - אַז דִי יָארְן וָואס יִצְחָק הָאט גֶעוואַרְט[לה] פוּן דֶער עֲקֵדָה בִּיז רִבְקָה זָאל וֶוערְן דְרַיי יָאר מִיט אֵיין טָאג - אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין גַן עֵדֶן. קֶען מֶען זָאגְן דֶעם טַעַם וַוייל גַן עֵדֶן אִיז הֶעכֶער פוּן זְמַן פוּן עוֹלָם. בְּמֵילָא בְּשַׁעַת יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו זַיינֶען גֶעבָארְן גֶעוָוארְן, אִיז פוּן יִצְחָק'ס גֶעבּוּרְט שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען מֶער וִוי צְווֵיי אוּן זֶעכְצִיק יָאר, אָבֶער אַלְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן נָאר זֶעכְצִיק יָאר, וַוייל דִי יָארְן אִין גַן עֵדֶן אִיז עֶר גֶעוֶוען לְמַעְלָה פוּן זְמַן - אוּן אַבְרָהָם אִיז דַאן אַלְט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט צְווֵיי אוּן זֶעכְצִיק יָאר. וֶוען יִצְחָק אִיז גֶעקוּמֶען אִין עוֹלָם אוּן אִין זְמַן, זַיינֶען דִי צְווֵיי יָאר נִיט גֶעוֶוען אִין חֶשְׁבּוֹן, אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ בֶּן שִׁשִּׁים.

עֶס אִיז פַאַראַן אַמָאל וָואס מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אוֹיף, הֶעכֶער פוּן זְמַן, אוּן שְׁפֶּעטֶער קוּמֶענְדִיק אִין זְמַן אִיז דָאס נִיכָּר. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז פַאַראַן אַ סִיפּוּר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב[לו] וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צוּ זַיין שְׁוָואגֶער ר' גֵרְשׁוֹן'ן אַן עִנְיָן וָואס בְּפוֹעֵל הָאט דָאס פַּאסִירְט שְׁפֶּעטֶער. וַוייל דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַרוֹיף אִין עוֹלַם הַיְצִירָה כו' וָואס דָארְטְן אִיז (צֶען אָדֶער) פוּפְצְן יָאר בִּסְקִירָה אַחַת.

14. *Asarah Maamaros,* the *maamar* entitled *Aim Kol Chai,* sec. 3, chs. 29-30.

15. *Rivo, Bereishis* 25:27.

16. *Rashi, Bereishis* 25:20.

17. The spiritual world of the souls.

18. Avraham's age is significant here because this calculation began because of the disparity in the ages mentioned close to the beginning of this section.

19. ***Rivo*** **brings an example from Noach** – that since **the constellations did not operate** during the year of the flood**, that year was not included in his age. However, it is understood that, in essence,** the two concepts **are not identical since, concerning Yitzchak, the concept of time that characterizes this world was not at all relevant to him. By contrast, regarding the flood: a) only the measurement of time did not occur,** time itself was not suspended; b) **Noach** was not an exception, **every aspect of the world existed under the same conditions. See** ***Talmud Yerushalmi, Rosh HaShanah*** **1:1. This is not the place** for further discussion of the matter.

20. See ***Derech Mitvosecha,*** **p. 59a, and the notes and references there.**

the event concerning Reb Gershon, even though, in actual fact, it happened much later.

**Nevertheless,** the Baal Shem Tov **was not removed from the** sequence of **time in this world.** This is **particularly** true **since his body** remained **below during** his soul's **ascent. Yitzchak's** ascent to *Gan Eden* **was** entirely **different.**

**Yitzchak's** experience **in *Gan Eden* remained in his** consciousness **even afterwards, when he returned to the material plane** of this world. **This is evident from Yitzchak's words,**[21] "See the fragrance of my son, [which resembles] **the fragrance of the field that G-d blessed.**" "The field that G-d blessed" **refers to *Gan Eden*.**[22] **The question arises: How did** Yitzchak **recognize** the fragrance of *Gan Eden***?* **He remembered from the time that he spent in *Gan Eden*.**[23]

**Ordinarily, the pattern is that when a soul descends from *Gan Eden* to this world, an angel comes "and strikes it on its mouth,"**[24] **so that** the soul forgets the Torah it learned, and thus, its experience in *Gan Eden* **will not interfere with the manner and order of Divine service required in this world. Similarly, when,** after concluding its life work, **the soul must ascend above, it must forget "the appearance of this [physical] world."**[25] In other words, for most people, their existence in a higher world and their existence in this world cannot coexist. This was **the unique distinction of Yitzchak – that he brought the** experience **of *Gan Eden* with him** when he returned **to this world.**

דָאס הָאט אִים אָבֶּער נִיט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זְמַן פוּן עוֹלָם הַזֶּה, וּבִפְרַט אַז זַיְין גוּף אִיז דָאךְ אוֹיךְ בְּשַׁעַת הָעֲלִיָּה גֶעוֶועֶן לְמַטָּה, מַה שֶּׁאֵין כֵּן בַּיי יִצְחָק'ן.

אוּן דֶער עִנְיָן פוּן זַיְין אִין גַּן עֵדֶן אִיז בַּיי יִצְחָק'ן גֶעוֶועֶן אוֹיךְ דֶערְנָאךְ זַיְיעֶנְדִיק לְמַטָּה, וִוי מִיר גֶעפִינֶען אַז יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט כְּרֵיחַ שָׂדֶה אֲשֶׁר בֵּרְכוֹ הֲוָיֶ' - גַּן עֵדֶן[לז], אִיז אִין פְּלוּג פוּן וַואנֶען הָאט עֶר גֶעוואוּסְט? נָאר עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט פוּן דֶער צַיְיט וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועֶן אִין גַּן עֵדֶן. הֲגַם דֶער סֵדֶר אִיז דָאךְ, אַז בְּשַׁעַת דִי נְשָׁמָה קוּמְט פוּן גַּן עֵדֶן לְמַטָּה, קוּמְט אַ מַלְאָךְ וּסְטָרוֹ עַל פִּיו[לח], כְּדֵי עֶס זָאל נִיט מְבַלְבֵּל זַיְין צוּ דֶעם אוֹפֶן אוּן סֵדֶר פוּן דֶער עֲבוֹדָה וָואס דַארְף זַיְין לְמַטָּה - דוּגְמַת וִוי וֶוען דִי נְשָׁמָה דַארְף עוֹלֶה זַיְין לְמַעְלָה דַארְף זִי פַארְגֶעסְן אוֹיף חֵיזוּ דְהַאי עָלְמָא[לט], דֶעם אוֹיסְזֶען פוּן דֶער וֶועלְט, אָבֶּער בַּיי יִצְחָק'ן אִיז גֶעוֶועֶן דֶער אוֹיפְטוּ, וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דִי עִנְיָנִים פוּן גַּן עֵדֶן לְמַטָּה.

## The Legacy Yitzchak Imparts

**3. Our Sages**[26] **teach, "Only three are designated as Patriarchs."** That statement is clarified **by explaining**[27]

ג. דִי רַזַ"ל זָאגְן[מ]: אֵין קוֹרִין אָבוֹת אֶלָּא לִשְׁלֹשָׁה ("אָבוֹת"

21. *Bereishis* 27:27.

**22. See *Bereishis Rabbah* 65:22; see the commentary of *Maharzu*. Some analysis is necessary based on the statements in the *Zohar*, Vol. II, p. 39b, and Vol. III, p. 84a,** which interpret the phrase "the field that G-d blessed" differently. **This is not the place** for further discussion of the matter.

23. See *Yalkut Reuveini, Parshas Toldos,* p. 49b.

**24. *Nidah* 30b.**

**25. *Likkutei Torah, Devarim*, p. 84d;** *Zohar*, Vol. II, p. 211b, Vol. III, p. 169a.

**26. *Berachos* 16b.**

**27. *Torah Or, Parshas VaEira*, p. 55a.**

**that the difference between** Yaakov's sons[28] **and the Patriarchs is that every Jew will not necessarily possess all the** spiritual **attributes** exemplified by **each of** Yaakov's sons. **By contrast, every Jew possesses the spiritual attributes** exemplified by **each of the Patriarchs.**

**Therefore, every Jew says,** "the G-d of our forefathers, **the G-d of Avraham, the G-d of Yitzchak, and the G-d of Yaakov,"**[29] **because each of the Patriarchs imparts the power** to emulate **his mode of Divine service to every Jew** and apply it **in his own service.**

**Accordingly, the** unique potential of **Yitzchak mentioned above** – the capacity to **bring** the experience of ***Gan Eden*** **into this world – is relevant to every Jew.**

**We find a parallel regarding** ***Shabbos.*** The *Zohar*[30] teaches, **"From it, all the days [of the week] are blessed."** Although ***Shabbos*** – like *Gan Eden* – **transcends time (as explained in the** ***maamar*** delivered at the same *farbrengen* as this *sichah*),[31] **it affects** and generates blessing for **our Divine service throughout the entire week.**

**Therefore, we must mention** ***Shabbos*** **every day,**[32] as we say in our prayers, "Today is **the first day of the** ***Shabbos,*"** **"...the second day of the** ***Shabbos,*"** **etc.** Mentioning *Shabbos* in **this** way **is included in the** ***mitzvah,***[32] **"Remember the** ***Shabbos*** **day."** In a similar vein, our Sages[33] relate that **Shammai the Elder** "would eat in honor of *Shabbos* every day." Whenever he found a choice food, he would purchase it and set it aside for *Shabbos*, **saying, "This is [in honor of]** ***Shabbos.*"**

זַיְינֶען נָאר דְרַיי). שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם דֶער בִּיאוּר[מא] אַז דֶער חִילוּק פוּן דִי שְׁבָטִים מִיט דִי אָבוֹת אִיז, אַז עֶס מוּז נִיט זַיְין בַּיי יֶעדֶער אִידְן אַלֶע מַדְרֵגוֹת פוּן אַלֶע שְׁבָטִים, אָבֶּער דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי אָבוֹת אִיז דָא בַּיי יֶעדֶער אִידְן דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן יֶעדֶערְן פוּן זֵיי. דֶערְפַאר זָאגְט יֶעדֶער אִיד, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם, אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב[מב], וַוייל יֶעדֶער פוּן דִי אָבוֹת גִיט כֹּחַ פוּן אוֹפֶן עֲבוֹדָתוֹ צוּ יֶעדֶער אִידְן אִין זַיְין עֲבוֹדָה.

אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז דֶער עִנְיָן - פוּן מִיטְנֶעמֶען פוּן גַּן עֵדֶן אִין וֶועלְט וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדט בַּיי יִצְחָק'ן - אִיז נוֹגֵעַ יֶעדֶער אִידְן.

דָאס זֶעלְבֶּע גֶעפִינֶען מִיר אוֹיךְ אוֹיף שַׁבָּת, אַז מִנֵּיהּ מִתְבָּרְכִין כּוּלְּהוּ יוֹמִין[מג], פוּן שַׁבָּת וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט אַלֶע טֶעג פוּן וָואךְ, דֶער עִנְיָן פוּן שַׁבָּת אִיז לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן (כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּאֵר בְּהַמַּאֲמָר) אוּן דָאס אִיז נוֹגֵעַ אִין דֶער עֲבוֹדָה פוּן דֶער גַאנְצֶער וָואךְ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַלֶע טָאג דֶערְמָאנֶען שַׁבָּת[מד] - יוֹם רִאשׁוֹן בְּשַׁבָּת, יוֹם שֵׁנִי בְּשַׁבָּת וכו', דָאס גֵייט אַרַיְין אִין דֶער מִצְוָה פוּן זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת. אַזוֹי ווִי מֶען גֶעפִינְט אוֹיף שַׁמַּאי הַזָּקֵן[מה] אַז אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט לִכְבוֹד שַׁבָּת.

---

28. Referred to as "the tribes" because they were the progenitors of Israel's twelve tribes.

**29.** ***Pesachim*** **117b.**

**30.** ***Zohar,*** **Vol. II, p. 88a**

31. The *maamar* entitled *Lehavin Inyan Erev Rosh Chodesh,* 5714 (*Toras Menachem,* Vol. 21, p. 158).

**32.** ***Mechilta, Yisro,*** **sec. 7;** ***Ramban, Shmos*** **20:8.**

**33.** ***Beitzah*** **16a.**

## Experiencing Genuine Pleasure

**4. The** practical **application of the above in our Divine service is: When it is demanded of a Jew to renounce the desires and pleasures of this world and,** instead, **focus entirely on "One thing I asked** of G-d**... to behold the pleasantness of G-d...,"**[34] **he** may **argue:** His soul **has been connected with a body and an animal soul and** placed **in this world. As such, how can it be demanded that he renounce things that** lead to **worldly satisfaction and** instead **find pleasure only in the pleasantness of G-d?** Such experience **belongs to the delights of the** higher **world, *Gan Eden*, and the like. Only then will** the potential to **behold the pleasantness of G-d be revealed.**

**That** argument **can be answered** by explaining **that he has been given the power of "the G-d of Yitzchak" to gaze into and immerse himself in the** revelations **of the future era and *Gan Eden*, to the point where even now he can experience** it, exclaiming, **"See, the fragrance** of *Gan Eden*...." Such an experience enables a person to recognize **that all the pleasures of this world – even genuine pleasures – are nothing more than waste products** compared to **the pleasures of *Gan Eden*.**[35] **How then will he abandon the essential** source of **pleasure to** pursue and **obtain the waste** products**?**

**Moreover, when what is essential is nullified, the derivatives** – the pleasures of this world – **automatically become nullified. All the more so** does this apply to those pleasures that are **waste products**. In other words, if a person neglects and does not seek genuine pleasure, the spiritual pleasures of *Gan Eden,* he will also forfeit the derivatives, the pleasures of this world, and how much more so the pleasures which are merely excess and waste when compared to the pleasures of *Gan Eden*. **Therefore, he should**

ד. דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמָאנְטֶער עִנְיָן אִין עֲבוֹדָה אִיז:

בְּשַׁעַת מֶען מָאנְט בַּיי אַ אִידְן אָפְּזָאגְן זִיךְ פוּן דִי תַּאֲווֹת אוּן פַארְגֶענִיגְנְס פוּן דֶער וועֶלְט, אוּן אַז זַיְין גַאנְצֶער עִנְיָן זָאל זַיְין "אַחַת שָׁאַלְתִּי וגו' לַחֲזוֹת בְּנֹעַם הֲוָיֶ' וגו'"[מו], - טַעֲנֶה'ט עֶר, אַז מֶען הָאט דָאךְ אִים פַארְבּוּנְדְן דַוְקָא מִיטְ'ן גוּף אוּן נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית אוּן דַוְקָא אוֹיף דֶער וועֶלְט - הַיְינְט ווִי קֶען מֶען פוּן אִים פָאדֶערְן אָפְּזָאגְן זִיךְ פוּן זַאכְן וועֶלְכֶע גֶעהֶערְן צוּ דִי פַארְגֶענִיגְנְס פוּן דֶער וועֶלְט אוּן הָאבְּן בְּלוֹיז פַארְגֶענִיגְן פוּן נֹעַם הֲוָיֶ' ווָאס דָאס גֶעהֶערְט צוּ דִי תַּעֲנוּגִים פוּן יֶענֶער וועֶלְט, גַן עֵדֶן אוּן אַזוֹי ווַיְיטֶער ווָאס עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט ווֶעט דָאךְ אַנְטְפְּלֶעקְט ווֶערְן דֶער עִנְיָן פוּן לַחֲזוֹת בְּנֹעַם הֲוָיֶ'?

אוֹיף דֶעם אִיז דֶער עֶנְטְפֶער אַז מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם כֹּחַ פוּן אֱלֹקֵי יִצְחָק, אַרַיְינְקוּקְן אוּן פַארְטִיפְן זִיךְ אִין דֶעם עִנְיָן פוּן לֶעָתִיד לָבֹא אוּן גַן עֵדֶן, בִּיז ווַאנֶען אַז בַּיי אִים קֶען אוֹיךְ אִיצְטֶער זַיְין רְאֵה רֵיחַ וגו', אַז אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וועֶלְט - אֲפִילוּ דִי אֶמֶת'עֶ תַּעֲנוּגִים - זַיְינֶען מֶער נִיט ווִי פְּסוֹלֶת פוּן דִי תַּעֲנוּגִים פוּן גַן עֵדֶן[מז], הַיְינְט ווִי ווֶעט עֶר אַוועֶקְלֵייגְן דֶעם עִיקַר תַּעֲנוּג צוּלִיבּ בַּאקוּמֶען דִי פְּסוֹלֶת? אוּן בִּפְרַט אַז ווֶען דֶער עִיקָר ווֶערְט בָּטֵל, - ווֶערְט דָאךְ מִמֵּילָא דֶער טָפֵל בָּטֵל אוּן כָּל שֶׁכֵּן דִי פְּסוֹלֶת. דֶערְפַאר דַארְף עֶר

34. ***Tehillim*** **27:4.**

35. ***Likkutei Torah, Bamidbar,*** **p. 46d.** More specifically, as explained in that source, according to kabbalah, the pleasures of this world derive from the wastes of the loftier realms.

**invest all his thoughts on what is essential. The way to** accomplish **this is** through ***bittul*** **("self-nullification), which in Divine service is** expressed through ***kabbalas ol*** (**"the acceptance of the yoke** of Heaven"). To cite a parallel: Regarding **the** soul's **ascent to *Gan Eden*,** *Chassidus*[36] applies the verse,[37] **"With this shall the maiden come to the king,"** and explains that "this" refers to ***bittul*.** **Even in** that lofty realm, *bittul* **is necessary.**

The paradigm of this approach is **Yitzchak, who is identified with *bittul* and *kabbalas ol*.** For this reason, when speaking of him, the Torah uses the phrase,[38] **"He whom Yitzchak feared,"** because holding G-d in awe is the underlying motivation for these qualities.

אַלֶע זַיְינֶע גֶעדַאנְקֶען אַרַיְינְטָאן אִין דֶעם עִיקָר, וְוָאס דֶער וְוֶעג צוּ דֶעם אִיז בִּיטוּל, וְוָאס אִין עֲבוֹדָה אִיז דָאס דֶער עִנְיָן פוּן קַבָּלַת עֹל - אַזוֹי ווִי דִי עֲלִיָּה אִין גַּן עֵדֶן וְוָאס אוֹיךְ דָארְט דַארְף זַיְין דֶער עִנְיָן פוּן "וּבָזֶה הַנַּעֲרָה בָּאָה אֶל הַמֶּלֶךְ"[מח] דֶער עִנְיַן הַבִּיטוּל[מט].

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן יִצְחָק'ן, "פַּחַד יִצְחָק" - בִּיטוּל אוּן קַבָּלַת עֹל.

## A Bride's Silence

**5. Based on the above, it is possible for us to understand the reason for the custom[39] that at the** wedding ceremony, **the bride** shows her assent by **remaining silent. True, remaining silent is equivalent to agreeing and consenting,** as reflected in the legal principle,[40] **"Silence is comparable to acknowledgment."** However, generally, **in all matters, it is preferable to state** one's consent **explicitly. Nevertheless, Jewish custom – which** has the force of **Torah** Law[41] **– is that at a** wedding, **the bride remains silent.**

**The reason is:** A marriage is intended to bring about **an inner closeness, a connection of essence to essence – through which the power of the *Ein Sof*,** "G-d's **infinite light,"[42] is drawn down,** leading to **"a generation of the upright who shall be blessed."[43]** This can be achieved **only through complete *bittul*,** which is symbolized by silence. **This** *bittul* **makes** it possible to experience **an inner unity, and through this, ultimate-**

ה. דֶערְמִיט וְוֶעט מֶען אוֹיךְ פַאַרְשְׁטֵיין דֶעם טַעַם פוּן דֶעם מִנְהָג[נ] וְוָאס בַּיי קִידּוּשִׁין אִיז הַכַּלָּה שׁוֹתֶקֶת. אֱמֶת טַאקֶע, שְׁתִיקָה אִיז כְּהוֹדָאָה[נ*] (שְׁווַיְיגְן אִיז גְלַיְיךְ ווִי מוֹדֶה אוּן מַסְכִּים זַיְין), אָבֶער, אִין פְּלוּג, אִיז אִין אַלֶע עִנְיָנִים בֶּעסֶער אַז מֶען זָאגְט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ, אוּן דָאךְ אִיז בַּיי קִידּוּשִׁין אַ מִנְהַג יִשְׂרָאֵל - וְוָאס דָאס אִיז תּוֹרָה[נא] - אַז דִי כַּלָּה שְׁווַיְיגְט?

נָאר דֶער טַעַם אִיז: דוּרְךְ וְוָאס קֶען זַיְין אַ קִירוּב פְּנִימִי, קִירוּב עֶצֶם אֶל עֶצֶם - וְוָאס דוּרְךְ דֶעם וְוֶערְט נִמְשָׁךְ דֶער כֹּחַ פוּן אֵין־סוֹף[נב] בְּדוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ, - דַוְקָא דוּרְךְ אַ פוּלְשְׁטֶענְדִיקְן בִּיטוּל. אוּן דוּרְךְ דֶעם בִּיטוּל וְוֶערְט דֶער

---

**36. See *Torah Or*, p. 96a; *Toras Chayim, Bereishis*, the *maamar* entitled *VeHa'ish Mishta'ah*, sec. 10ff.**

37. ***Esther* 2:13.** The "maiden" refers to the soul and "com[ing] to the king" refers to experiencing the revelation of G-dliness in *Gan Edan*.

38. *Bereishis* 31:42.

39. ***Torah Or*, p. 45a**-b.

40. ***Yevamos* 87b.**

41. ***Talmud Yerushalmi, Pesachim* 4:1; *Pirkei D'Rabbi Eliezer*, ch. 45.**

42. ***Likkutei Torah, Shir HaShirim*, p. 39d ff.; the *maamar* entitled *Kol HaMaarich BeEchad*, 5686, sec. 4 (*Sefer HaMaamarim Kuntreisim*, Vol. 3, pp. 11-12; the *maamar* entitled *Mayim Rabim*, 5717 (*Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat*, Vol. 1, p. 323ff.).**

43. *Tehillim* 112:2.

יִחוּד פְּנִימִי, אוּן דוּרְךְ דֶעם קוּמְט מֶען בִּיז צוּ דֶער מַדְרֵיגָה אַז עֶס וֶוערְט אֵשֶׁת חַיִל עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ[נג].

(משיחת ש״פ תולדות תשי״ד)

ly, we reach the level where “a woman of valor [becomes] the crown of her husband.”[44]

44. *Mishlei* 12:4, explained in *Torah Or*, p. 44a.

כד) שבת פט, ב.
כה) ישעי׳ סג, טז.
כו) תורה אור פרשת תולדות יז, ג.
כז) בבא בתרא טז, סוף ע״ב.
כח) זהר ח״א ס, א. וראה גם כן פרקי דרבי אליעזר פל״א.
כט) זהר ח״ב מד, ב. וראה ניצוצי אורות שם.
ל) שבת פח, ב. פרקי דרבי אליעזר פל״ג ועוד. ומובן דאין הפריחה בכל הנ״ל שווה.
לא) רש״י והוא מבראשית רבה סג, י.
לב) בעלי תוספות על התורה בשם הירושלמי.
לג) בראשית רבה סג, יב.
לד) בפירושם על התורה בראשית כה, כז בשם הירושלמי.
לה) בריב״א מביא דוגמא מנח – דשנת המבול שלא שמשו המזלות לא נחשבה במנין שנותיו. אבל מובן שבמהותם – אינו דומה לענין דיצחק שלא היה כל ענין הזמן דהעולם אצלו. מה שאין כן במבול: א) שחסרה רק המדידה דהזמן. ב) שכל עניני העולם היו כמו נח בזה. וראה ירושלמי ראש השנה פ״א ה״א. ואין כאן מקומו.
לו) דרך מצותיך נט, א. ובציונים והערות שם.
לז) זע בראשית רבה סוף פרשה סה, ובפירוש מהרז״ו. וצריך עיון קצת מזהר ח״ב לט, ב. זהר ח״ג פד, א. ואין כאן מקומו.
לח) נדה ל, ב.
לט) לקוטי תורה דברים פד, ד.
מ) ברכות טז, ב.
מא) תורה אור וארא נה, א.
מב) פסחים קיז, ב.
מג) זהר ח״ב פח, א.
מד) מכילתא יתרו פ״ז. רמב״ן שמות כ, ח.
מה) ביצה טז, א.
מו) תהלים כז, ד.
מז) לקוטי תורה שלח מו, ד.
מח) אסתר ב, יג.
מט) זע תורה אור צו, א. תורת חיים ד״ה והאיש משתאה סעיף י ואילך.
נ) תורה אור פרשת ויגש מה, א.
נ*) יבמות פז, ב.
נא) ירושלמי פסחים פ״ד, ה״א. ופרקי דרבי אליעזר פמ״ה.
נב) זע לקו״ש ח״א עמוד 23 הערה 31.
נג) משלי יב, ד. תורה אור פרשת ויגש מד, א.

# TOLDOS III | תולדות ג

Adapted from a *sichah* delivered on the second day of Rosh Chodesh Kislev, 5713 (1952)

## Introduction

In the letter of blessing he would send to brides and grooms, the Rebbe would include the wish that they "build an everlasting Jewish home based on the foundations of the Torah and *mitzvos*, as they are illuminated with the inner light of the Torah, the teachings of *Chassidus*."

The emphasis on the foundation is deliberate; that is the key to permanence. For it to last, a building needs foundations that reach deeper than what's visible on the surface. A marriage needs bonds stronger than emotion, a foundation of wisdom and truth that is centuries deep. Yet we often proceed into marriage, busy arranging the ceremony and the reception, occupied with surface-level preparations. Somehow, we get caught up with the transient, things that are no more than temporary, while the eternal, what will make the marriage last, remains unattended.

The Torah offers a different paradigm. When Yitzchak prepared for marriage, he spent three years in *Gan Eden* – not as an escape from this world, but as preparation for building within it. Before establishing his home in the physical realm, he first dwelt in a place where evil cannot exist, where only absolute truth prevails. This pattern established a principle that echoes through the generations: Before a couple can build an *everlasting* structure in this world, they must first lay foundations in the realm of eternal truth.

This is why the Rebbe instructed his followers to receive rabbinic ordination – *semichah* – before marriage. Halachic rulings embody absolute truth. Marriage, too, is meant to be precisely such an eternal edifice. Just as a halachic ruling cannot be overturned, a home built on Torah's eternal foundations transcends the fragility of temporal existence. The Rebbe's teaching reveals how this ideal becomes achievable: By first building "a home in Torah" – establishing oneself in the realm of eternal truth – one simultaneously creates the conditions for an everlasting home in this physical world.

# Building One’s Home Through the Torah

## Three Years in *Gan Eden*

**1. The aforementioned matter**[1] **– that Yitzchak** spent the time after the *Akeidah* in *Gan Eden* **– is specifically connected with** his **wedding,**[2] **since he was in *Gan Eden* before his wedding as protection against the evil eye. As our Sages expound in *Yalkut Shimoni*:**[3] **“‘Yitzchak went out to meditate** in the field’[4] **– From where did he go out? From *Gan Eden*.”** Immediately thereafter he encountered Rivkah. This is reflected in the continuation of the narrative,[5] **“And he saw and behold, camels were coming, and Rivkah lifted up** her eyes….”

**A similar concept applies to every groom before his wedding.** I specifically heard **a directive from my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz: **For the purpose of protection, a groom must not be alone for several days (he did not say how many) before the wedding.**

***Pirkei D’Rabbi Eliezer* (the end of ch. 16) states that a groom should not be alone. However,** from that source, **it appears that the reason is for the sake of honor – a concern relevant** primarily **after the wedding. However, I heard from the Rebbe** Rayatz **that a groom should also not be alone several days before the wedding for the sake of protection.**

א. דֶער דֶעמָאנְטֶער עִנְיָן וָואס אִיז גֶעוועֶן בַּיי יִצְחָק׳ן, אִיז דָאס בְּעִיקָר פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶעם עִנְיָן פוּן חֲתוּנָה, ווִי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר (סֶעִיף ט) אַז דִי צַיְיט פַאר זַיְין חֲתוּנָה אִיז עֶר גֶעוועֶן אִין גַן עֵדֶן כְּדֵי צוּ פַארְהִיטְן אִים פוּן אַן ״עַיִן־הָרָע״. ווִי דִי רַזַ״ל דַרְשְׁ׳נֶען אִין יַלְקוּט: וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ, מֵהֵיכָן יָצָא מִגַן עֵדֶן - פוּן וַואנֶען אִיז עֶר דָאס אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען? - פוּן גַן עֵדֶן וכו׳, וַיַּרְא וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים וַתִּשָּׂא רִבְקָה וגו׳.

דָאס עֶנְלֶעכֶע אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶער אֵיינֶעם פַאר דֶער חֲתוּנָה, ווִי עֶס אִיז גֶעוועֶן דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם רֶבִּי׳ן דֶעם שְׁווֶער כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ״ר, אַז אַ חָתָן דַארְף עֶטְלֶעכֶע טֶעג (עֶר הָאט נִיט גֶעזָאגְט ווִיפְל) פַאר דֶער חֲתוּנָה נִיט זַיְין אַלֵיין, צוּלִיבּ שְׁמִירָה. אִין פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר (סוֹף פֶּרֶק ט״ז) שְׁטֵייט, אַז דֶער חָתָן זָאל נִיט זַיְין אַלֵיין, אָבֶער דָארְט ווַיְיזְט אוֹיס אַז דֶער טַעַם אִיז צוּלִיבּ כָּבוֹד, ווָאס דָאס אִיז שַׁיָּיךְ נָאךְ דֶער חֲתוּנָה, אָבֶער פוּן רֶבִּי׳ן הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט, אַז דֶער חָתָן זָאל נִיט זַיְין אַלֵיין אוֹיךְ עֶטְלֶעכֶע טֶעג פַאר דֶער חֲתוּנָה צוּלִיבּ שְׁמִירָה.

---

**1.** See the previous *sichah*, **sec. 2**.

2. *Bereishis Rabbah* 56:11.

3. *Yalkut Shimoni, Bereishis,* sec. 109, referring to *Bereishis* 24:42.

4. *Bereishis* 24:63.

5. Ibid. 24:63-64.

## Where Evil Cannot Remain

**2. The connection between a wedding and *Gan Eden* also appears in** the sixth **wedding blessing:**[6] **"Grant joy to these loving companions as You granted joy to Your creation in *Gan Eden* long ago."**

**The connection between the two can be explained** as follows: **As known, *Gan Eden* cannot tolerate any evil. For this reason, Adam was expelled from *Gan Eden* after the sin.** By sinning, he absorbed evil into his being and thus could no longer remain in that holy place.

ב. דִי שַׁיְיכוּת פוּן חֲתוּנָּה צוּ גַּן עֵדֶן, גֶעפִינְט מֶען אוֹיךְ אִין בִּרְכוֹת נִשׂוּאִין - שַׂמֵּחַ תְּשַׂמַּח רֵעִים הָאֲהוּבִים כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם.

קֶען מֶען דֶערְקְלֶערְן דִי שַׁיְיכוּת, ווִי עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז גַּן עֵדֶן פַּארְטְרָאגְט נִיט קֵיין רַע. און ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט דֶער טַעַם פַּארְווָאס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן אָדָם הָרִאשׁוֹן פוּן גַּן עֵדֶן נָאכְ'ן חֵטְא - ווַיְיל גַּן עֵדֶן אִיז נִיט סוֹבֵל קֵיין רַע.

## Navigating the Hierarchy of Spiritual Existence

**3. There are different levels within the worlds that are lower than *Gan Eden.*[7] In general, they are divided into three categories: *Asiyah, Yetzirah,* and *Beriah.* The world of *Asiyah* is mostly evil; because of this,** in this realm, **evil can overpower good. The world of *Yetzirah* is half** good **and half** evil, **and the world of *Beriah* is predominantly good.**[8]

**This also explains the difference between the *Talmud Bavli* and the *Talmud Yerushalmi*. Outside of *Eretz Yisrael,***[9] G-d **controls existence through** garments from the world of ***Asiyah*. Therefore, most of the study in the *Talmud Bavli***[10] **follows the pattern of question and answer,** sifting through matters that are not clear on their own and require clarification. **Through laboring to answer the questions and** resolve **the contradictions,** a student **refines** the spiritual source of the material **entities.**

ג. עוֹלָמוֹת ווָאס זַיְינֶען נִידֶערִיקֶער פוּן גַּן עֵדֶן, אִיז פַּארַאן אִין זֵיי חִילּוּקֵי מַדְרֵיגוֹת, און בִּכְלָלוּת ווֶערְן זֵיי פַּאנַאנְדֶערְגֶעטֵיילְט אִין דְרַיי בְּחִינוֹת, עֲשִׂיָּה, יְצִירָה און בְּרִיאָה.

עוֹלַם הָעֲשִׂיָּה אִיז רֻבּוֹ רַע, ווָאס מִצַּד דֶעם קֶען דֶער רַע הָאבְּן אַ הִתְגַּבְּרוּת אוֹיפְן טוֹב. עוֹלַם הַיְצִירָה אִיז הַאלְבּ אוֹיף הַאלְבּ, און עוֹלַם הַבְּרִיאָה אִיז רֻבּוֹ טוֹב[נד].

דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם פוּן דֶעם חִילּוּק פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי מִיט תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי: אִין חוּץ לָאָרֶץ[נה] אִיז דִי הַנְהָגָה דוּרְךְ עֲשִׂיָּה, דֶערְפַאר אִיז דֶער רוֹב הַלִּמּוּד אִין תַּלְמוּד בַּבְלִי בְּדֶרֶךְ קוּשְׁיָא וְתֵירוּץ, ווָאס דוּרְךְ דֶער יְגִיעָה צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן דִי קוּשְׁיוֹת און דִי סְתִירוֹת, פּוֹעֵל'ט מֶען דֶעם בֵּירוּר.

6. *Kesubos* 8a (see *Rashi,* who states that the blessing is specifically referring to Adam, the first man); *Rambam, Hilchos Berachos* 2:11, *Hilchos Ishus* 10:3.

7. In the previous section, the Rebbe was speaking about *Gan Eden* in a physical sense, i.e., the paradise into which Adam, the first man, and Chavah were placed at the beginning of creation. In this section, he speaks about *Gan Eden* in a spiritual sense, a lofty realm in *Seder Hahishtalshelus,* the chainlike order of existence.

**8. *Eitz Chayim, shaar* 42, ch. 4, *shaar* 47, ch. 4; *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 3d, *et al.***

**9. *Torah Or,* p. 13a.**

10. Composed in the Diaspora.

**This is reflected in the description of the** ***Arizal’s*** manner of study: **He would study** a passage repeatedly, viewing it with **six** different **approaches** in the realm of **halachah. He would labor intensely,** seeking to clarify **the questions until he became entirely exhausted and would perspire heavily. Through such** efforts, **he would break the** ***kelipos,***[11] **the mystic source of the questions,** conceptual obstructions, **and the like.**[12]

**In** ***Eretz Yisrael,*** G-d **controls existence through** garments from the world of ***Yetzirah*****. Therefore, the study in the** ***Talmud Yerushalmi*** **is generally straightforward, proceeding in a direct,** unobstructed **manner.**

True, **there are also questions in the** ***Talmud Yerushalmi,*** **but the answer to them is readily apparent. In other words,** although there are blocks, they are not insurmountable and **do not overpower** a student. **This parallels the world of** ***Yetzirah*****: In it, there is evil** – whose source, **the** ***sitra achra,***[13] **engenders the possibility of questions, as explained in** *Tanya, Iggeres HaKodesh,* **Epistle 26, based on the** ***Zohar*****.**[14] **However,** although evil is present, **it is not overpowering.**

**This also explains**[15] **why on weekdays, the majority of time** devoted to **Torah study should focus on** ***nigleh,*** **the revealed**, primarily legalistic **dimension of the Torah.** In Yeshivas Tomchei Temimim, the Rebbe Rashab established the order of study to be **two-thirds** ***nigleh*** **and one-third** ***Chassidus*** during the weekdays.[16] **On** ***Shabbos***, Torah **study should focus on** ***pnimiyus haTorah***, **the inner,** mystical **dimension of Torah.**

The reason for this division is that **during the six weekdays, the** Divine **light descends** into this world **through garments from** the worlds of ***Asiyah*** **and** ***Yetzirah*****, where there is a possibility for evil. Therefore,**

- ווִי עֶס שְׁטֵייט אוֹיפְן אֲרִיזַ״ל אַז עֶר פְלֶעגְט לֶערְנֶען זֶעקְס דְרָכִים אִין הֲלָכָה אוּן פְלֶעגְט שְׁטַארְק הָארֶעוֶועֶן אִין דִי קוּשְׁיוֹת בִּיז עֶר פְלֶעגְט ווֶערְן זֵייעֶר פַארְמַאטֶערְט אוּן שְׁטַארְק פַארְשְׁוִיצְט ווָאס דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר צֶעבְּרָאכְן דִי קְלִיפּוֹת ווָאס זֵיי זַיְינֶען דֶער סוֹד פוּן דִי קוּשְׁיוֹת כו׳״[נו]. -

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי הַנְהָגָה דוּרְךְ יְצִירָה, דֶערְפַאר אִיז דֶער לִמּוּד אִין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי בִּכְלַל בְּאוֹפֶן יָשָׁר (אִין אַן אוֹפֶן פוּן גְלַיְיכְקַיְיט).

פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז אוֹיךְ אִין יְרוּשַׁלְמִי פַארַאן קוּשְׁיוֹת, אָבֶּער מֶען זֶעט בַּאלְד דֶעם תִּירוּץ אוֹיף זֵיי, דָאס הֵייסְט אַז זֵיי הָאבְן נִיט קֵיין הִתְגַבְּרוּת - דוּגְמַת עוֹלַם הַיְצִירָה, ווָאס אִין אִים אִיז דָא רַע, ווָאס מִסִטְרָא דְרַע ווֶערְט אַ מֶעגְלֶעכְקַיְיט פוּן קוּשְׁיוֹת כו׳ כִּמְבוֹאָר בְּאִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ (סִימָן כו) עַל פִּי הַזֹּהַר, אָבֶּער דֶער רַע הָאט נִיט קֵיין הִתְגַבְּרוּת.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם ווָאס אִין דִי ווָאכְן־טֶעג[נז] דַארְף זַיְין דֶער רוֹב זְמַן הַלִּמּוּד אִין נִגְלֶה דְתוֹרָה - צְווֵיי דְרִיטְל נִגְלֶה אוּן אֵיין דְרִיטְל חֲסִידוּת - אוּן שַׁבָּת[נח] דַארְף זַיְין דֶער לִמּוּד אִין פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, ווַיְיל בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל קוּמְט אַרָאפּ דֶער אוֹר דוּרְךְ לְבוּשִׁים פוּן עֲשִׂיָּה אוּן יְצִירָה, ווָאס דָארְטְן אִיז שַׁיָּיךְ רַע

11. Literally, “shells” or “peels,” a kabbalistic and chassidic term for the forces of evil.

**12.** See **Rav Chayim Vital’s** ***Taamei HaMitzvos, Parshas VaEschanan.***

13. Literally, “the other side,” the spiritual source for the possibility of evil.

14. *Zohar, Raya Mehemna,* Vol. III, p. 124b.

**15.** ***Kuntreis Eitz HaChayim,*** **ch. 22.**

**16. Ibid., ch. 25; the** last **will and testament of the Rebbe Maharash.**

the matters that we encounter during these days **must be refined through the revealed dimension of Torah, which concerns itself with refining the matters of this physical world.**

- דַאַרְף מֶען עֶס מְבָרֵר זַיְין דוּרְךְ נִגְלֶה דְתוֹרָה, ווָאס זִי פַאַרְנֶעמְט זִיךְ מִיט מְבָרֵר זַיְין דִי עִנְיָנִים פוּן עוֹלָם הַזֶּה וכו׳.

**By contrast, on *Shabbos*, the Divine light descends only through garments from the world of *Beriah*. Therefore, the study focuses on the inner dimension of Torah, the Tree of Life,**[12] **which** relates to a level of G-dliness that **transcends the** task **of refining** the world's physical substance.

מַה שֶּׁאֵין כֵּן שַׁבָּת[נט], גֵייט דֶער אוֹר דוּרְךְ הִתְלַבְּשׁוּת נָאר פוּן עוֹלַם הַבְּרִיאָה, אִיז דֶער לִמּוּד אִין פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה - אִילָנָא דְחַיָּיא, ווָאס אִיז הֶעכֶער פוּן עִנְיַן הַבֵּירוּרִים.

In this context, it is explained that the verse,[17] **הָרִיעוּ לַה׳ כָּל הָאָרֶץ, "Let the entire earth call out to G-d in jubilation,"** whose Hebrew **acronym** spells **הֲלָכָה, halachah,** applies to Torah study **during the six weekdays.**[18] By contrast, when read in reverse order, the first letters of the verse,[19] **הִשְׁתַּחֲווּ לַה׳ בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ, "Bow down to G-d in sacred splendor,"** whose Hebrew **acronym** spells **קַבָּלָה, Kabbalah,** apply to Torah study **on *Shabbos*.**

אוּן דָאס זַיְינֶען אוֹיךְ דִי צְווֵיי עִנְיָנִים: הָרִיעוּ לַה׳ כָּל הָאָרֶץ, רָאשֵׁי תֵּבוֹת הֲלָכָה - בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל[ס], הִשְׁתַּחֲווּ לַה׳ בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ, רָאשֵׁי תֵּבוֹת קַבָּלָה - בְּשַׁבָּת.

**Nevertheless, even in *Beriah*, evil is present;** it is **only** that **the good overpowers it. However, *Gan Eden* does not tolerate the existence of evil at all, as mentioned above.**

אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז דָאךְ אוֹיךְ אִין בְּרִיאָה פַאַרַאן רַע, נָאר דֶער טוֹב אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים, אָבֶּער גַּן עֵדֶן אִיז אִינְגַאנְצְן נִיט סוֹבֵל דֶעם מְצִיאוּת הָרַע, כַּנַּ״ל.

## How to Build Eternity

**4. On this basis, we can understand the connection between a wedding and *Gan Eden*.** Through **marriage,** a couple **builds an eternal edifice. To achieve this,** they **must first** attain **an entirely transcendent state, one that does not tolerate the existence of evil.** In this way, they nullify the concern that led to Adam and Chavah being driven out of *Gan Eden* – lest they **"eat [from the Tree of Life] and live forever."**[20] Living in an entirely pure manner before the wedding **specifically enables** a couple's marriage to lead to **an eternal**

ד. אוּן לוֹיט דֶעם ווֶעט מֶען פַאַרְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן חֲתוּנָּה צוּ גַּן עֵדֶן, ווַיְיל חֲתוּנָּה אִיז אַן עִנְיָן פוּן בִּנְיַן עֲדֵי עַד, וּבִכְדֵי צוּ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, מוּז מֶען מַקְדִּים זַיְין אַן עִנְיָן ווָאס אִיז אִין גַאנְצְן הֶעכֶער אוּן נִיט סוֹבֵל דֶעם מְצִיאוּת הָרַע, שׁוֹלֵל זַיְין דֶעם חֲשַׁשׁ פוּן וְאָכַל וָחַי לְעוֹלָם[סא], ווָאס דָאס דַוְקָא טוּט אוֹיף, עֶס

---

17. *Tehillim* 100:1. This psalm is recited only during the week.

18. **The *AriZal's Likkutei Torah, Tehillim, kapitl* 100; *Shaar HaPesukim* on that *kapitl*.** See **the chassidic explanation** of this concept **in *Siddur im Dach, Mizmor LeSoda,* and the *mahadura basra* of *Peirush HaMilos,* ch. 141, *et al.***

19. *Tehillim* 96:9.

20. ***Bereishis* 3:22. See *Torah Or,* p. 5d,** which explains that since eating from the Tree of Knowledge caused evil to be assimilated within Adam and Chavah's beings, were they to be allowed to eat from the Tree of Life and live forever, that evil would also be eternal.

**structure, something utterly timeless, truth in an absolute sense.**

זָאל זַיְין אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד, אַן עִנְיָן נִצְחִי (אוֹיף אֵייבִּיק), אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ.

**Similarly, as explained in several sources,[21] protection is required for every person before their wedding. Such** preparation **will lead to an eternal structure,** fulfilling the blessing **"Grant joy to these loving companions as You granted joy to Your creation in *Gan Eden* long ago."**

וּמֵעֵין זֶה, בַּיי יֶעדֶער אֵיינֶעם פַאר דִי נִשּׂוּאִין דַארְף זַיְין אַ שְׁמִירָה, וְכִמְבוֹאָר עִנְיַן הַשְּׁמִירָה בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת[סב], וָואס בְּרֶענְגְט צוּם בִּנְיַן עֲדֵי עַד, צוּם שַׂמַּח תְּשַׂמַּח רֵעִים הָאֲהוּבִים כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם.

## A Directive from the Rebbeim - To Receive Semichah before Marriage

**5. In light of the above, we can also understand another matter: My revered father-in-law, the Rebbe Rayatz, related that before his wedding, his father, the Rebbe Rashab, instructed him to study for rabbinic ordination and receive *semichah,* the authorization to deliver halachic rulings.** Moreover, **as is apparent from the wording of the narrative, before the Rebbe Rashab's wedding, his father – the Rebbe Maharash – also instructed him to receive *semichah.*** This presumption is confirmed by **a letter from the Rebbe Maharash to the Rebbe Rashab,** written afterwards, **in which he addresses him as "my son, the Rav."**[22]

**From this account, it is understood that** the authorization to **issue rabbinic rulings shares a connection with marriage and serves as a preparation for it.**

ה. מִיט דֶעם וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין נָאךְ אַן עִנְיָן:

כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז פַאר זַיְין חֲתוּנָּה הָאט זַיְין פָּאטֶער (דֶער רֶבִּי מְהוֹרַשַׁ"ב) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן אִים גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען אוֹיף הוֹרָאָה אוּן נֶעמֶען סְמִיכָה. ווִי עֶס אִיז קֶענְטִיק גֶעוֶועְן פוּן דֶעם סִגְנוֹן פוּן סִיפּוּר אִיז אוֹיךְ פַאר דֶעם רֶבִּי'נְס (מְהוֹרַשַׁ"ב) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן חֲתוּנָּה, הָאט אִים זַיְין פָּאטֶער - דֶער רֶבִּי מַהֲרַ"שׁ - גֶעהֵייסְן נֶעמֶען סְמִיכָה. עֶס אִיז פַארַאן אַ בְּרִיף פוּן רֶבִּי'ן מַהֲרַ"שׁ צוּם רֶבִּי'ן מְהוֹרַשַׁ"ב נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן פוּן יֶענֶעם זְמַן, שְׁרַיְיבְּט עֶר אִים, "בְּנִי הָרַב".

פוּן דֶעם סִיפּוּר אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז הוֹרָאָה הָאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ חֲתוּנָּה אוּן ס'אִיז אַן הַקְדָּמָה צוּ אִיר.

## Marriage, Halachah, and Enduring Truth

**6. Issuing a halachic ruling** involves arriving at **a judgment of absolute truth.** There are a multitude of **arguments and reasons in Torah** that **are all true; in the words of our Sages,[23] "These and these are the words of the living G-d."** How-

ו. דֶער עִנְיָן פוּן הוֹרָאָה אִיז צוּ פַּסְקְ'נֶען אַ הֲלָכָה - דִין אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ. סְבָרוֹת אוּן דֵיעוֹת אִין תּוֹרָה, זַיְינֶען אַלֶע אֱמֶת, ווִי דֶער לָשׁוֹן פוּן רַזַ"ל, אֵלּוּ וָאֵלּוּ דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים[סג], אָבֶּער דִי מַעֲלָה

---

**21. See *Likkutei Torah, Devarim,* p. 23c, and the sources cited there.** As explained in that source, protection is generated by an encompassing light that transcends the light one can internalize.

22. See *Toras Menachem, Reshimas HaYoman,* p. 357.

**23. *Eiruvin* 13b.**

**ever, the virtue of halachic rulings is not merely** that they convey an aspect of **truth;** they are **absolute truth. Their virtue is not merely that they are "the words of the living G-d (*Elokim chayim*),"** they reflect a loftier level of G-dliness. Thus, **our Sages**[24] interpret the verse,[25] **"G-d is with him," as meaning – the halachah follows his ruling.** The name for G-d used in that verse is *Havayah.* This implies **that** the potential to issue a halachic ruling **derives from G-d's name *Havayah,***[26] the name for G-d that implies past, present, and future all as one.[27]

**A person with a sharp mind who is trained in dialectic argument may indeed present good arguments – "the words of the living G-d." However, these arguments may appear valid only temporarily;** shortly thereafter, **a second and better argument may be presented that will overturn the first. A halachic ruling, by contrast, is an eternal matter that lasts forever.**

**In other words, a judge must be prepared** to listen to **an argument that does not accord with halachah and,** after weighing it, **nevertheless, issue a ruling that reflects the** true **halachah. This is the virtue of *halachos* – they cannot be overturned; they are an everlasting matter, absolute truth.**

The capacity to listen to an opinion, weigh it carefully, but still reject it **is reflected in the wording of the Mishnah,**[28] **"Why do we mention a minority opinion" when the halachah does not follow it? One interpretation of the Mishnah's answer is that if the minority opinion had not been stated, someone could** later **come and present an argument to overturn the halachah. Therefore, the words of the minority are mentioned to indicate that such an**

פון הֲלָכוֹת איז ניט אֱמֶת סְתָּם נאָר אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ - זייער מַעֲלָה איז ניט נאָר דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים נאָר ווי דער מַאֲמַר רַזַ״ל[סד], וַהֲוָיָ׳ עִמּוֹ, שֶׁהֲלָכָה כְּמוֹתוֹ, אַז דער שֹׁרֶשׁ פון הֲלָכוֹת איז פון שֵׁם הֲוָיָ׳[סה].

בְּשַׁעַת ער איז אַן אויסְגעשאַרְפְטער און אַ מְפוּלְפָּל זאָגְט ער טאַקע גוטע סְבָרוֹת, דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים, אָבער עס קען זיין אַז דאָס איז ניט מער ווי אויף אַ ווײַלע, ווײַל עס קען קומען אַ צווייטע סְבָרָא - אַ בעסערע און אָפְּשְׁלאָגְן די ערשטע. פְּסַק הֲלָכָה אָבער איז אַן אייבּיקער עִנְיָן וואָס בְּלײַבְּט שְׁטיין אויף שְׁטענְדִיק.

דאָס הייסְט אַז דער דַּיָּן דאַרף זיין גרייט אויף אַ סְבָרָה וואָס איז ניט ווי הֲלָכָה און פונְדעסְטְוועגְן פַּסְקְ׳נען אַזוי ווי די הֲלָכָה איז. וואָס דאָס איז דער אויפְטוּ פון הֲלָכוֹת, אַז מען קאָן זיי ניט אָפְּשְׁלאָגְן, עס איז אַ שְׁטענְדִיקער עִנְיָן - אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ.

און דאָס איז וואָס עס שְׁטייט אין מִשְׁנָה[סו], לָמָּה מַזְכִּירִין דִּבְרֵי יָחִיד, ווײַבאַלְד אַז די הֲלָכָה איז ניט אַזוי? ענְטְפערט די מִשְׁנָה - לויט איין פֵּירוּשׁ - אַז אויב עס וואָלְט ניט געשְׁטאַנען די דַּעַת יָחִיד, קאָן דאָךְ קומען איינער און זאָגְן אַ סְבָרָא אויף אָפְּשְׁלאָגְן די הֲלָכָה, ווערן דעריבער דערמאָנְט די רייד פון יָחִיד, צו זאָגְן אַז עס איז שוין

---

**24. *Sanhedrin* 93b.**

25. *I Shmuel* 16:18.

**26. Explained at length in the *maamar* entitled *Vayidaber Elokim,* 5627,** and in the series of *maamarim* entitled *Yom Tov shel Rosh HaShanah, 5666,* p. 431ff., *et al.*

*Elokim* is the name of G-d associated with *Seder Hahistalshelus,* the chain-like order of existence. *Havayah* represents the name of G-d that transcends that order.

27. *Zohar, Raya Mehemna,* Vol. III, p. 257b; *Tanya, Shaar HaYichud VehaEmunah,* ch. 7, *et al.*

**28. *Eduyos* 1:6.**

**argument had already been presented and nevertheless was not accepted as halachah.[29]**

**With this, we can understand the connection between issuing halachic rulings and marriage. Marriage, like halachah, is an eternal building, an everlasting structure.**

גֶעווֶען אַזַא סְבָרָא און פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז דִי הֲלָכָה נִיט אַזוֹי.

און מִיט דֶעם ווֶעט מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן הוֹרָאָה צוּ חֲתוּנָה, ווָארוּם דֶער עִנְיָן פוּן חֲתוּנָה, אִיז אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה - בִּנְיָן נִצְחִי - אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד.

## The Virtue of Permanence

**7. To explain this concept more thoroughly: On the whole, the concerns and needs of people are divided into three categories: food, clothing, and a dwelling.[30] The virtue of a home is that it is permanent. As explained in many sources, the difference between a garment and a home is that a garment is temporary. There can be good garments,** made from fine fabrics, **but their durability is limited. By contrast, a home endures;** its virtue lies in its permanence, **as expressed in the phrase – an *everlasting* structure.**

Our Sages[31] teach, "The Holy One, blessed be He, **looked into the Torah and created the world." As such,** a parallel to **everything** that exists **in the world is found in the Torah, and** the existence of the physical entity **derives from** its source in **the Torah.** This is **also** true **regarding garments and dwellings.**

**Logical arguments are comparable to garments.** Like a **garment,** a logical argument **will be beneficial for a while and will serve its purpose. When** someone is engaged in thinking out the logic behind a Talmudic passage even when they are not applicable in actual practice, **he is fulfilling the *mitzvah* of Torah study. Indeed, this** approach – hearing different and even opposing opinions – **is specifically the proper order of study.[32] However, it is possible that later these**

ז. דֶערְקְלֶערְן דָאס מֶער אוֹיסְפִירְלֶעךְ:

דִי עִנְיָנִים און בַּאדֶערְפֶענִישְׁן פוּן מֶענְטשְׁן זַיְינֶען אַיְינְגֶעטֵיילְט בִּכְלָלוּת אִין דְרַיי סוּגִים: מָזוֹן, לְבוּשׁ און בַּיִת[סז] (שְׁפַּיְיז, קְלֵיידֶער און הוֹיז). דִי מַעֲלָה פוּן בַּיִת אִיז - אַז דָאס אִיז אַ שְׁטֶענְדִיקֶע זַאךְ. ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין פִילֶע עֶרְטֶער דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן לְבוּשׁ בִּיז בַּיִת, אַז לְבוּשׁ אִיז אַ צַיְיטְווַיְילִיקֶע זַאךְ, אִיצְט קֶען עֶס זַיְין אַ גוּטֶער לְבוּשׁ, אָבֶער עֶס אִיז מֶער נִיט ווִי אוֹיף אַ ווַיְילֶע, דַאקֶעגְן בַּיִת אִיז אַ שְׁטֶענְדִיקֶע זַאךְ, ווִי דֶער לָשׁוֹן - בִּנְיַן עֲדֵי עַד.

אַזוֹי ווִי אַלֶע עִנְיָנִים פוּן עוֹלָם זַיְינֶען דָאךְ פַארַאן אִין תּוֹרָה און נֶעמֶען זִיךְ פוּן תּוֹרָה, ווִי עֶס שְׁטֵייט[סח] אִסְתַּכֵּל בְּאוֹרַיְיתָא וּבָרָא עָלְמָא, בְּמֵילָא זַיְינֶען אִין תּוֹרָה אוֹיךְ פַארַאן דִי עִנְיָנִים פוּן לְבוּשׁ און בַּיִת.

סְבָרוֹת זַיְינֶען גֶעגְלִיכְן צוּ לְבוּשִׁים, אוֹיף אַ ווַיְילֶע אִיז דָאס גוּט און טוּט אוֹיף ווָאס עֶס דַארְף - בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אִיז עֶר מְקַיֵּים מִצְוַת תַּלְמוּד תּוֹרָה, און אַדְּרַבָּה דַוְקָא אַזוֹי אִיז דֶער סֵדֶר הַלִּמּוּד[סט], אָבֶער מֶעגְלֶעךְ אַז שְׁפֶּעטֶער

29. The Rebbe is emphasizing that even when a Talmudic opinion – or one developed by a later scholar – is not accepted as halachah, understanding it is considered as Torah study although it is not relevant to actual practice. By contrast, halachah represents absolute truth, applicable at all times, in all places.

**30. *Likkutei Torah, Devarim,* p. 98d.**

**31. *Zohar,* Vol. II, p. 161a.**

**32. See also *Bava Metzia,* the end of 84a,** which praises the advantage of the give-and-take of Torah logic.

**arguments will be** proven to be faulty and will be **overturned. By contrast, halachic rulings resemble a dwelling, something permanent.**

**On this basis, we can better understand the connection between marriage (building a Jewish home) and *semichah,* being granted the authority to issue halachic rulings, because both reflect the concept** of permanence, the virtue **of a home.**

װעט מֶען זיי אָפְּשְׁלָאגְן. דאַקעגְן פְּסָקֵי הֲלָכוֹת אִיז אַן עִנְיָן פוּן בַּיִת - אַ שְׁטֶענְדִיקֶע זאַך.

לוֹיט דֶעם װעט מֶען בֶּעסֶער פאַרְשְׁטֵיין די שַׁיְיכוּת פוּן נִשּׂוּאִין (חֲתוּנָּה), בּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע הוֹיז, צוּ סְמִיכוּת הוֹרָאָה, װאַייל בֵּיידֶע זַיינֶען דֶער עִנְיָן פוּן בַּיִת.

## What Happens at Age 40?

**8.** Not only do **marriage and** the capacity to **issue halachic rulings share a general connection, they also share a connection in** certain **particular aspects.** For example, **the** capacity to **issue halachic rulings is connected with the age of forty,**[33] as reflected in **our Sages'**[34] **teaching, "A person does not grasp the depth of his teacher's understanding until after forty years."**

**Similarly, regarding the wedding of Yitzchak to Rivkah – the first wedding described in the Torah – "Yitzchak was forty years old when he took Rivkah** as a wife."[35]

The connection between Yitzchak's marriage and assimilating the depth of one's teacher's understanding **is reflected in a statement of the Midrash,**[36] **cited by *Rashi,***[37] **that before Yitzchak married, Avraham wrote him a deed transferring all his possessions to him.**

**It is possible to say that this** transfer of property **relates to the concept of grasping the depth of one's teacher's understanding.** In other words, the inner implication is that by receiving that gift, **Yitzchak received everything** he could **from Avraham, his teacher. When he grasped the depth of his teacher's understanding,** his **wedding took place.**

ח. אוּן אַזוֹי װִי חֲתוּנָּה אוּן הוֹרָאָה הָאבְּן אַ כְּלָלוּת'דִיקֶע שַׁיְיכוּת, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי אַ שַׁיְיכוּת אִין עִנְיָנִים פְּרָטִיִּים:

דֶער עִנְיָן פוּן הוֹרָאָה אִיז פאַרְבּוּנְדְן מִיט'ן עֶלְטֶער פוּן פֶערְצִיק יָאר[ע], גֶעשְׁטִיצְט עַל מַאֲמַר רַזַ"ל[עא], לָא קָאִים אֱינִישׁ אַדַּעְתָּא דְרַבֵּיהּ עַד אַרְבָּעִין שְׁנִין (אַ מֶענְטשׁ דֶערְגֵייט נִיט צוּם גְרוּנְט פוּן זַיין רֶבִּי'נְס דַעַת בִּיז פֶערְצִיק יָאר).

אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר אוֹיךְ בַּיי דֶער חֲתוּנָּה פוּן יִצְחָק מִיט רִבְקָה, - די עֶרְשְׁטֶע חֲתוּנָּה װָאס אִיז בַּאשְׁרִיבְּן אִין דֶער תּוֹרָה - וַיְהִי יִצְחָק בֶּן אַרְבָּעִים שָׁנָה בְּקַחְתּוֹ אֶת רִבְקָה.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ װָאס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[עב] אוּן װֶערְט גֶעבְּרַאכְט אִין רַשִׁ"י, אַז אֵיידֶער יִצְחָק הָאט חֲתוּנָּה גֶעהַאט, הָאט אִים אַבְרָהָם אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁטַר דַיְיתִּיקִי אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע נְכָסִים.

קֶען מֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן קָאֵי אַדַּעְתָּא דְרַבֵּיהּ, װָאס יִצְחָק הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַלֶע עִנְיָנִים פוּן אַבְרָהָם'ן, זַיין רֶבִּי'ן. אוּן דוּרְךְ דֶעם װָאס קָאֵי אַדַּעְתָּא דְרַבֵּיהּ, אִיז גֶעװֶען די חֲתוּנָּה.

---

33. See *Rama, Yoreh Deah* 242:31.

34. *Avodah Zarah* 5b.

35. *Bereishis* 25:20.

36. *Bereishis Rabbah* 59:11.

37. *Rashi, Bereishis* 24:10.

## A Home in Torah, a Home in the World

**9. Based on all the above, we can explain the reason for the custom for** a groom to **receive *semichah* before his wedding. The creation of the world as a whole comes about through the Torah,** as our Sages[28] **taught,** "The Holy One, blessed be He, **looked into the Torah and created the world." Similarly, the particular world of each individual comes through looking into the Torah, as mentioned above. For this same reason, a groom is called to the Torah before his wedding.**[38]

**Therefore, when one is setting out to build a Jewish home in the physical world, one must first build a home** in the spiritual world, **in Torah** – attaining *semichah,* the authority to **issue halachic rulings. Through building a home in Torah, he also builds his home in the world,** making it **an everlasting structure,** blessed with **"a generation of the upright who will be blessed."**[39]

ט. לויט דֶעם אַלֶעמֶען קֶען מֶען דֶערקְלֶערְן דֶעם טַעַם פַארְן מִנְהָג פוּן נֶעמֶען סְמִיכוּת הוֹרָאָה פַאר דֶער חֲתוּנָה -

וַוייל אַזוֹי ווִי הִתְהַוּוּת הָעוֹלָם בִּכְלַל אִיז דוּרְךְ תּוֹרָה, לוֹיט דֶעם מַאֲמָר אִסְתַּכֵּל בְּאוֹרַיְתָא וּבָרָא עָלְמָא[עג], אַזוֹי אוֹיךְ דֶער עוֹלָם הַפְּרָטִי פוּן יֶעדֶער אֵיינֶעם קוּמְט דוּרְךְ דֶעם אִסְתַּכֵּל בְּאוֹרַיְתָא כַּנַ"ל - ווָאס דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם[עד] פוּן דֶעם ווָאס אַ חָתָן אִיז עוֹלֶה לַתּוֹרָה פַאר דֶער חֲתוּנָה.
-

דֶערְפַאר אַז מֶען גֵייט בּוֹיעֶן אַ בַּיִת בְּיִשְׂרָאֵל, אִין ווֶעלְט, דַארְף מֶען פְּרִיעֶר בּוֹיעֶן אַ בַּיִת אִין תּוֹרָה. ווָאס דָאס אִיז הוֹרָאָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם ווָאס עֶר בּוֹיט דֶעם בַּיִת אִין תּוֹרָה, בּוֹיט עֶר אוֹיף אוֹיךְ דֶעם בַּיִת אִין עוֹלָם, אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד, בְּדוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ.

(משיחת ב׳ דר״ח כסלו, תשי״ג)

---

38. See *Magen Avraham, Orach Chayim* 282:18; the *maamar* entitled *Vechol Banei'ech* (*Derushei Chasunah,* 5689, printed in *Sefer HaMaamarim Kunteisim,* Vol. 1).

39. *Tehillim* 112:2.

---

נד) עץ חיים שער מ״ב פ״ד. שם שער מז פ״ד. לקוטי תורה במדבר ג, ד. ובכמה מקומות.

נה) תורה אור לך יג, א.

נו) טעמי המצוות - להרח״ו - פרשת ואתחנן.

נז) קונטרס עץ חיים אות כב.

נח) שם אות כה. צוואת אדמו״ר מהר״ש.

נט) זע אויבן הערה נה.

ס) לקוטי תורה להאר״י ז״ל תהלים ק׳ ובשער הפסוקים שם. נתבאר על פי דא״ח בסידור על פסוק מזמור לתודה, בפירוש המלות מהדורא בתרא פרק קמ״א ועוד.

סא) בראשית ג, כב. - זע תורה אור ה, ד.

סב) זע לקוטי תורה ראה כג, ג. ושם נסמן.

סג) ערובין יג, ב.

סד) סנהדרין צג, ב.

סה) אויספירלעך ארומגערעדט בד״ה וידבר אלקים - תרכ״ז.

סו) עדיות פ״א מ״ו.

סז) לקוטי תורה ברכה צח, ד.

סח) זהר ח״ב קסא, א.

סט) זע אויך בבא מציעא פד, סוף ע״א.

ע) זע יורה דעה רמב, לא.

עא) עבודה זרה ה, ב.

עב) בראשית רבה נט, יא.

עג) ראה לעיל הערה סח.

עד) זע מגן אברהם אין שולחן ערוך אורח חיים ענדע סימן רפ״ב. ד״ה וכל בניך (דרושי חתונה תרפ״ט - בסה״מ קונטרסים ח״א).

# TOLDOS IV | תולדות ד

Adapted from a *sichah* delivered on *Yud-Gimmel Shvat,* 5711 (1951)

## Introduction

Yaakov embodied truth. Kabbalah[1] identifies him with *emes*, the Divine attribute of truth itself. Yet when it came time to receive his father's blessings, he resorted to deception. How could the patriarch of truth act through cunning?

The answer reveals a profound paradox at the heart of creation. There are realities that transcend even truth – dimensions of G-dliness that cannot be contained within any structure, including the boundaries of logic and what appears to mortals as truth. Sometimes, reaching what lies beyond all limits requires a path that defies all conventional categories.

Such a path cannot be mapped by understanding or prescribed by reason. It demands something else entirely: a commitment so absolute it knows no boundaries, a willingness to risk everything for what matters most. To access the dimension of G-d that is utterly transcendent, a person must make a full-hearted commitment, one that knows no limitations whatsoever.

In the *sichah* that follows, the Rebbe explores why Yaakov's deception was not a compromise with truth, but a gateway to something higher. He offers guidelines that empower us to access the dimensions of holiness that lie beyond intellect's reach.

---

1. *Zohar,* Vol. I, pp. 139a, 161a;
*Tanya*, the beginning of ch. 13.

# A Path Intellect Cannot Prescribe

## When a Crooked Path is Straight

**1. A *maamar*[1] of *Chassidus* clarifies why it was necessary for Yaakov to** receive **Yitzchak's blessings via deception. True,** "deception" should not be interpreted simply; rather, as our Sages[2] explain, it was **"with the wisdom of his Torah." However,** within the wisdom of the Torah, there is also **an aspect that is called deception.** The reason why this mode was necessary is that **the matters** that needed to be rectified **reached** their present state **through deception.** In other words, the intent was to elevate **the sparks of holiness that fell below because "the serpent was cunning..."[3] Therefore, the way to return them** to the realm of holiness **also** had to involve **the mode of deception, as Scripture states,[4] "With the crooked, act perversely."**

א. עֶס וועֶרְט דֶערְקְלֶערְט אִין אַ מַאֲמַר חֲסִידוּת[עה] פַאַרְוואָס הָאבְּן יִצְחָק'ס בְּרָכוֹת צוּ יַעֲקֹב'ן גֶעדַארְפְט זַיְין בְּמִרְמָה דַוְקָא, טַאקֶע "בְּחָכְמַת תּוֹרָתוֹ"[עו], אָבֶּער דֶער חֵלֶק וואָס וועֶרְט אָנְגֶערוּפְן מִרְמָה, ווַיְיל דִי עִנְיָנִים זַיְינֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּמִרְמָה, דִי נִיצוֹצוֹת פוּן קְדוּשָׁה וואָס זַיְינֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן לְמַטָּה דוּרְךְ דֶעם וְהַנָּחָשׁ הָיָה עָרוּם גו'[עז], דֶערְפַאר אִיז דֶער סֵדֶר אוֹיף צוּנֶעמֶען בַּיי זֵיי צוּרִיק, אוֹיךְ אִין דֶעם אוֹפֶן פוּן מִרְמָה. ווִי עֶס שְׁטֵייט: עִם עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל[עח].

## Going to the Root of the Matter

**2. On this basis, we** can **understand why Rivkah commanded Yaakov to take the blessings and consoled him** by saying,[5] **"Upon me is your curse, my son,"** i.e., **that if there will be a curse, she would take it upon herself.**

**On the surface,** her words raise a question: **What kind of consolation is this? A son, and especially a son like Yaakov, should be concerned for his mother. So why would this answer reassure him** and encourage him to go and receive the blessings? And yet, **in fact, it motivated Yaakov** to follow her advice.

ב. דֶערְמִיט וועֶט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין וואָס רִבְקָה הָאט גֶעהֵייסְן יַעֲקֹב'ן עֶר זָאל גֵיין נֶעמֶען דִי בְּרָכוֹת, אוּן הָאט אִים גֶעטְרֵייסְט, אוֹיבּ עֶס וועֶט זַיְין חַס וְשָׁלוֹם אַ קְלָלָה וועֶט זִי דָאס נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ, עָלַי קִלְלָתְךָ בְּנִי. אִין פְלוּג - וואָס פַאר אַ טְרֵייסְט אִיז דָאס? אַ זוּן וּבִפְרַט אַ זוּן ווִי יַעֲקֹב - דַארְף אִים אַרְן פַאר דֶער מוּטֶער, אִיז וואָס פַאר אַ בַּארוּאִיקוּנְגס עֶנְטְפֶער אִיז דָאס? אוּן מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז עֶס הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אוֹיף יַעֲקֹב'ן.

---

1. The *maamar* entitled *Vayomar... Yisrael Yihiyeh Shimecha,* 5694. See also *Toras Chayim,* the end of *Parshas Toldos,* and the *maamar* entitled *Viyikach lo Yaakov,* 5678.

2. *Bereishis Rabbah* 67:4.

3. *Bereishis* 3:1, i.e., the sin of the Tree of Knowledge.

4. *Tehillim* 18:27.

5. *Bereishis* 27:13.

The enigma **can be explained as follows:** Spiritually, **Yaakov was likened to Adam, the first man,**[6] **and he rectified his sin, as explained in Kabbalah.**[7] **Adam, the first man, was deceived by the serpent through cunning. To rectify this and prevent the blessings from going to Esav, Yaakov had to take them also through deception,** as it is written,[8] **"Your brother came with deception and took your blessing."**

נָאר דֶער עִנְיָן אִין דֶעם אִיז: יַעֲקֹב אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ אָדָם הָרִאשׁוֹן[עט] אוּן עֶר הָאט מְתַקֵן גֶעוועֶן זַיְין חֵטְא, ווִי דֶערְקְלֶערְט אִין קַבָּלָה, ווָאס אָדָם הָרִאשׁוֹן'עֶן הָאט דָאךְ דֶער נָחָשׁ גֶענוּמֶען בְּמִרְמָה, דֶערְפַאר אִיז כְּדֵי דָאס מְתַקֵן צוּ זַיְין אוּן בַּאווָארֶענֶען, אַז דִי בְּרָכוֹת זָאלְן נִיט זַיְין בַּיי עֵשָׂו'ן הָאט יַעֲקֹב גֶעדַארְפְט צוּרִיק נֶעמֶען אוֹיךְ בְּמִרְמָה - בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה וַיִקַח בִּרְכָתֶךָ.

## Why Self-Sacrifice Is Necessary

**3. In brief, the matter can be explained as follows: Here,** we are speaking about **taking something** that originates in **a realm that transcends intellect** (**or** is **below intellect, as was** true of **the sin of the Tree of Knowledge). Therefore,** to acquire such blessings, **the recipient must also employ a fitting vessel,** something that is specifically suited to **receive** them. **Understanding and comprehension** are **not** appropriate vessels. **Instead, an approach of self-sacrifice,** going beyond the rational, to the extent of **placing oneself at risk,** is what is necessary.

**This is what Rivkah** meant by **saying, "Upon me is your curse, my son" – that she** was prepared to **accept even this risk** because **the objective demands and can be acquired specifically through self-sacrifice, not intellectual calculation.** Hearing her **answer motivated Yaakov to make the same** commitment.

**The same approach applies to acquiring Torah** knowledge **as a whole,**[9] which **our Sages in the Midrash**[10] **interpret** as being included in **Yitzchak's blessings to Yaakov.** Thus:[11]

ג. דֶער עִנְיָן בְּקִיצוּר אִיז אַזוֹי:

דָא נֶעמְט מֶען אַזַא זַאךְ אוּן פוּן אַזַא אָרְט, ווָאס אִיז הֶעכֶער פוּן שֵׂכֶל (אָדֶער נִידֶערִיקֶער פוּן שֵׂכֶל, ווִי עֶס אִיז גֶעווֶען דֶער חֵטְא עֵץ הַדַעַת), אוּן דֶערְפַאר דַארְף בַּיְים מְקַבֵּל אוֹיךְ זַיְין אַ פַּאסִיקֶע כְּלִי לְקַבָּלָה - נִיט שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד, נָאר אַ תְּנוּעָה פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ, אַיְינְשְׁטֶעלְן זִיךְ, אוּן דָאס אִיז ווָאס רִבְקָה הָאט גֶעזָאגְט עָלַי קִלְלָתְךָ בְּנִי - זִי גֵייט אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, אוּן אַדְרַבָּה, דִי זַאךְ מָאנְט אוּן נֶעמְט זִיךְ נָאר דַוְקָא דוּרְךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן נִיט דוּרְךְ שֵׂכֶל'דִיקְן חֶשְׁבּוֹן. אוּן דֶער עֶנְטְפֶער הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט דָאס זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּיי יַעֲקֹב'ן.

אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּיי ווֶעלְן צוּקוּמֶען צוּ תּוֹרָה בִּכְלָל[פ], ווִי דִי רַזַ"ל טַיְיטְשְׁן אִין מִדְרָשׁ בַּיי יִצְחָק'ס בְּרָכוֹת צוּ יַעֲקֹב: מִטַל[פא]

6. ***Bava Basra*** **58a.** See *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 7.

7. See *Zohar,* Vol. III, p. 111b; *Tanya,* loc. cit., *et al.*

8. *Bereishis* 27:35.

9. **To cite a similar concept: The** ***Tzemach Tzedek*** **would conceal himself** and placed himself at risk **to hear the teachings of Torah from the Alter Rebbe, as related in** ***Sefer HaMaamarim 5708,*** **p. 234 (*****Likkutei Dibburim,*** Vol. 2, p. 550). **See the Alter Rebbe's statements regarding this cited there.**

10. ***Bereishis Rabbah*** **66:3.**

11. *Bereishis* 27:28.

**"From the dew of heaven" – refers to Scripture**
**"and from the fat of the earth" – to Mishnah**
**"grain" – to Talmud, and**
**"wine"– to Aggadah.**

**Through the mode of deception of holiness included in the wisdom of Torah, as mentioned above,**[2] **one reaches a lofty** level. As my father-in-law, **the Rebbe** Rayatz, **explains in** the renowned ***maamar*** *Basi LeGani,*[12] **the intention is to transform the folly of the opposing side –** i.e., the forces of evil **– into the folly of holiness. By transforming the folly of the other side, one reaches higher than** attained **through service based on reason and knowledge, because then one reaches a level of holiness that transcends even the intellect of holiness.**[13]

הַשָּׁמַיִם זוֹ מִקְרָא, וּמִשְּׁמַנֵּי הָאָרֶץ זוֹ מִשְׁנָה, דָּגָן זוֹ תַּלְמוּד תִּירוֹשׁ זֶה אַגָּדָה, דוּרְךְ אַן אוֹפֶן פוּן מִרְמָה דִקְדוּשָּׁה דְחָכְמַת הַתּוֹרָה כַּנַ"ל, קוּמְט מֶען צוּ הֶעכֶער, ווִי דֶער רֶבִּי דֶערקְלֶערְט אִין מַאֲמָר[פב] אַז דִי כַּוָּנָה אִיז צוּ מְהַפֵּךְ זַיְין שְׁטוּת דִלְעֻמַּת זֶה לִשְׁטוּת דִקְדוּשָּׁה. דוּרְךְ מְהַפֵּךְ זַיְין שְׁטוּת דִלְעֻמַּת זֶה קוּמְט מֶען צוּ הֶעכֶער, ווִי דוּרְךְ עֲבוֹדָה ווָאס עַל פִּי טַעַם וְדַעַת, ווָארוּם מֶען קוּמְט צוּ צוּ אַ דַרְגָּא פוּן קְדוּשָּׁה, ווָאס אִיז הֶעכֶער אֲפִילוּ פוּן שֵׂכֶל פוּן קְדוּשָּׁה[פג].

(משיחת י"ג שבט, תשי"א)

12. The *maamar* entitled *Basi LeGani,* 5710, sec. 5.

13. See *Basi LeGani, loc. cit.; Kuntreis U'Maayan,* discourses 26-27; *Rambam, Hilchos Deos* 2:2, *Hilchos Teshuvash* 10:3, "Thus, he will always be obsessed with this love [for G-d] as if he is lovesick."

עה) ד"ה ויאמר גו' ישראל יהיה שמך תרצ"ד, ועיין גם כן תורת חיים סוף פרשת תולדות. ד"ה ויקח לו יעקב תרע"ח.
עו) בראשית רבה פס"ז, ד.
עז) בראשית ג, א.
עח) תהלים יח, כז.
עט) בבא בתרא נח, א.
פ) ענלעך צו דעם - די פאסירונג פון צמח צדק וואס האט געהערט תורה פון אדמו"ר הזקן באהאלטענערהייט, אזוי ווי עס ווערט דערציילט אין ספר המאמרים ה'תש"ח ע' 234 (לקוטי דיבורים ח"ב ע' 550), עיין שם דברי אדמו"ר הזקן בזה.
פא) בראשית רבה פס"ו, ג.
פב) ד"ה באתי לגני, ה'שי"ת.
פג) זע דארט. קונטרס ומעין מאמר כו־כז. רמב"ם הלכות דעות פ"ב, ה"ב. הלכות תשובה פ"י ה"ג: כאילו חולה כו'.

# TOLDOS V | תולדות ה

Adapted from a *sichah* delivered on the second day of Rosh Chodesh Kislev, 5713 (1952)

## Introduction

Torah numerology fascinates us because it promises to reveal hidden connections – patterns beneath the surface that ordinary observation would miss. When we discover that two concepts share the same numerical value, we sense we've glimpsed something profound, a secret architecture underlying reality. Yet this very appeal harbors a danger: Not every numerical correspondence signifies genuine connection. Sometimes the numbers align by mere coincidence, and the "insights" they generate lead us away from truth rather than toward it.

In the *sichah* that follows, the Rebbe gives us a glimpse into this branch of wisdom. He shows how a numerical correspondence can serve as a gateway, inviting us to explore deeper and uncover an intrinsic connection. As an example, he cites the connection between the Ten Utterances that created the world and the Ten Commandments, showing how the world's existence is connected with its Divine purpose.

The Rebbe then traces a further correspondence – the ten blessings Yitzchak granted Yaakov – tying the pattern of ten to our national destiny and pointing toward the era when these blessings will blossom into complete fulfillment.

# Numbers, Mystical Meanings, and Future Revelations

## When Numbers Tell a Story

**1. Commenting on the verse,[1] "And may He give you…," the Midrash[2] states that Yaakov was blessed with ten blessings corresponding to the ten Utterances with which the world was created.**

**By using the term "corresponding to," it is clear that the Torah indicates that these matters are similar not merely in their number, but also that the concepts** themselves **share a connection with each other. And it is because of the** intrinsic **connection between these matters that they also correspond in their number.**

**The way our minds work is that when we want to understand a concept, we start with what comes later and work backward to what came earlier (*min hamu'char el hamukdam*).** We see **the effect (*hamesuvav*)** and from it we try to grasp **its cause (*sibah*).** We focus on a matter that is **simple (*hakal*)** and extrapolate from it an understanding of **something more complex (*hakaveid*).**

**Understanding the** true **relationship between concepts requires** real **insight into their essence. However,** that essence is not immediately evident. By contrast, **the numerical correspondence can be seen by anyone. This does not require** deep con-

א. אוֹיפְן פָּסוּק וְיִתֶּן לְךָ, זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ אַז יַעֲקֹב נִתְבָּרֵךְ בְּעֶשֶׂר בְּרָכוֹת כְּנֶגֶד עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת שֶׁבָּהֶם נִבְרָא הָעוֹלָם (יַעֲקֹב אִיז גֶעבֶּענְטשְׁט גֶעוָואֹרְן מִיט צֶען בְּרָכוֹת קֶעגְן דִי צֶען מַאֲמָרוֹת מִיט וֶועלְכֶע דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָואֹרְן).

בְּשַׁעַת תּוֹרָה זָאגְט "כְּנֶגֶד" אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַז דִי עִנְיָנִים גְלַיְיכְן זִיךְ אוֹיס נִיט בְּלוֹיז אִין זַייעֶר מִסְפָּר (צָאל), נָאר אוֹיךְ אַז דִי עִנְיָנִים הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת אֵיינֶע צוּ דִי אַנְדֶערֶע, וּמִצַּד דֶער שַׁיְיכוּת וָואס אִיז פַאַראַן צְווִישְׁן דִי עִנְיָנִים אַלֵיין, גְלַיְיכְן זַיי זִיךְ אוֹיס אוֹיךְ אִין זַייעֶר מִסְפָּר.

נָאר אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער אוֹפֶן הַשָּׂגָה צוּ פַארְשְׁטֵיין אַן עִנְיָן אִיז - מִן הַמְאוּחָר אֶל הַמּוּקְדָּם (פְרִיעֶר פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיקֶע זַאךְ, נָאכְדֶעם - דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע), מִן הַמְסוּבָּב אֶל הַסִּבָּה וּמִן הַקַּל אֶל הַכָּבֵד.

דֶערְפַאר אִיז בִּכְדֵי צוּ צוּקוּמֶען צוּ דֶער יְדִיעָה אַז דִי עִנְיָנִים אַלֵיין (דִי סִבָּה אוּן דֶער מוּקְדָּם) הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ שַׁיְיכוּת, אִיז דָאס דוּרְךְ דֶעם וָואס מִיר זֶען, אַז זַיי גְלַיְיכְן זִיךְ אוֹיס בְּמִסְפָּרָם (דֶער מְסוּבָּב וּמְאוּחָר), וָואס דָאס אִיז מִן הַקַּל אֶל הַכָּבֵד.

אוֹיף צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן דִי עִנְיָנִים, דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן אַ הַכָּרָה אִין דֶעם מַהוּת פוּן דֶעם עִנְיָן, אָבֶּער דִי גְלַיְיכְקַייט אִין דֶעם מִסְפָּר זֶעט יֶעדֶערֶער. אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען

---

1. *Bereishis* 27:28.

2. *Pirkei D'Rabbi Eliezer* (Venice ed.), ch. 32.

**templation regarding the** inner **nature and potential of these matters. All that is necessary is to count, and we can see that the numbers match.**

**Once we notice this numerical correspondence, we realize** something deeper is involved. Upon deeper thought, it is possible to realize **that the reason for the correspondence is that the concepts themselves are inherently connected.**

נִיט הָאבְּן קֵיין הִתְבּוֹנְנוּת אִין דֶעם מַהוּת אוּן דֶער אֵיכוּת פוּן דִי עִנְיָנִים, עֶס אִיז מֶער נִיט וָואס אַז מֶען צֵיילְט אִיבֶּער, זֶעט מֶען אַז ס'אִיז דֶער זֶעלְבֶּער מִסְפָּר אִין בֵּיידֶע עִנְיָנִים.

אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מִיר זֶען אַז זֵיי גְלַייכְן זִיךְ אִין צָאל, פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר אַז דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס דִי עִנְיָנִים אַלֵיין זַיְינֶען שַׁיָּיךְ אֵיינֶער צוּם צְווֵייטְן.

## A Threefold Correspondence

2. To provide **an example of this concept:** Our Sages[3] **teach that the 248 positive commandments correspond to the 248 limbs of the body, and the 365 negative commandments correspond to the 365 *giddim*.[4] The connection is not merely numerical. Instead, the concepts themselves share an** intrinsic re**lationship. The 613 *mitzvos* are the limbs of the soul, and from them, vitality flows to the limbs of the body.**

*Chassidus*[5] **interprets the verse,[6] "Be perfect with G-d your L-rd,"** as teaching that **wholeness and completeness in** the fulfillment of **the 613 *mitzvos* generate wholeness in the limbs of the soul. From them, wholeness flows to the 613 limbs of the body, granting them vitality and strength. Since each limb derives from a specific *mitzvah***, the sum of **the limbs and the *mitzvos* must be equal in number.**

ב. אַ דוּגְמָא אוֹיף דֶעם: עֶס שְׁטֵייט אַז דִי רְמַ"ח מִצְווֹת עֲשֵׂה זַיְינֶען קֶעגְן דִי רְמַ"ח אֵבָרִים[פד] אוּן דִי שְׁסָ"ה לֹא תַעֲשֶׂה קֶעגְן דִי שְׁסָ"ה גִידִים. אִיז דָאךְ נִיט דֶער פְּשַׁט אַז דִי גַאנְצֶע שַׁיְיכוּת אִיז נָאר אִין דֶעם מִסְפָּר, נָאר דִי עִנְיָנִים אַלֵיין הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת זֶה לָזֶה. דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת זַיְינֶען דִי אֵבָרִים פוּן נֶפֶשׁ, וָואס פוּן זֵיי וֶוערְט נִמְשָׁךְ חַיּוּת אִין דִי אֵבָרִים פוּן גוּף.

אוּן וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט[פה] אוֹיפְן פָּסוּק תָּמִים תִּהְיֶה עִם הֲוָיֶ' אֱלֹקֶיךָ[פו], אַז דוּרְךְ דִי תְּמִימוּת אוּן שְׁלֵימוּת אִין תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, וֶוערְט תְּמִימוּת אִין דִי אֵבָרִים פוּן נֶפֶשׁ, וָואס פוּן זֵיי וֶוערְט נִמְשָׁךְ תְּמִימוּת אִין דִי תַּרְיַ"ג אֵבְרֵי הַגּוּף, אַז זֵיי הָאבְּן אַ חַיּוּת אוּן חִיזּוּק.

אוּן וַוְיל יֶעדֶער אֵבֶר נֶעמְט זִיךְ פוּן אַ גֶעווִיסֶער מִצְוָה, בְּמֵילָא מוּזְן זֵיי דָאךְ זַיְין גְלַיְיךְ אוֹיךְ אִין זֵייעֶר צָאל.

## From Trembling to Calm

3. A further illustration of **the concept:** The repetition of the word *asarah,* "ten," in the

ג. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין דֶעם עִנְיָן פוּן עֲשָׂרָה עֲשָׂרָה הַכַּף בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ[פז],

---

3. ***Zohar,*** **Vol. I, p. 170.**

4. *Giddim* is an inclusive term referring to blood vessels, sinews, and major nerves (*Rambam's* Commentary on the Mishnah, *Zevachim* 3:4).

5. ***Likkutei Torah, Devarim,*** **p. 45c.**

6. ***Devarim*** **18:13.**

verse,[7] ***Asarah, asarah hakaf beshekel hakodesh,*** **"[each] spoon weighing ten [silver *shekelim*] according to the holy *shekel,*" is interpreted**[8] as implying **that the Ten Utterances correspond to the Ten Commandments. The meaning is not merely that** the two **are equal in number. Rather, their essential natures are connected.**

וָואס עֶס שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם, אַז דִי עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת זַיְינֶען כְּנֶגֶד עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת[פח]. אִיז נִיט דֶער פְּשַׁט אַז דִי גַאנְצֶע שַׁיְיכוּת אִיז מֶער נִיט וָואס זֵיי זַיְינֶען גְלַיְיךְ אִין צָאל, נָאר זֵיי זַיְינֶען שַׁיָּיךְ מִצַּד זֵייעֶר עֶצֶם עִנְיָן.

Why? **Because the entire creation – which came about through the Ten Utterances – was brought about by the Torah and** is **for the sake of the Torah.** As our Sages[9] **comment** on the word,[10] ***Bereishis,* "In the beginning…"** – all existence was brought into being **"for the sake of the Torah, which is called 'the beginning.'"**

וָוארוּם דִי גַאנְצֶע הִתְהַווּת - וָואס אִיז דוּרְךְ דִי עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת - אִיז גֶעוָוען דוּרְךְ תּוֹרָה אוּן צוּלִיבּ תּוֹרָה, כַּמַּאֲמָר[פט] בְּרֵאשִׁית בִּשְׁבִיל הַתּוֹרָה שֶׁנִּקְרֵאת רֵאשִׁית, אוּן בִּיז סְ'אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם הַשִּׁשִּׁי, שִׁשִּׁי בְּסִיוָן דֶער טָאג פוּן מַתַּן תּוֹרָה - אִיז שָׁמַיִם וָאָרֶץ מִתְמוֹטְטִים[צ], אוּן וָוען סְ'אִיז גֶעקוּמֶען דֶער טָאג פוּן מַתַּן תּוֹרָה, אִיז אֶרֶץ וגו' וְשָׁקָטָה[צא], אַז סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ קִיּוּם אִין דֶער בְּרִיאָה.

The interrelation of the two is further brought out by our Sages'[11] interpretation of the phrase,[12] **"the sixth day" – that until the sixth of Sivan, the day of the Giving of the Torah, heaven and earth were faltering.** However, **when the day of the Giving of the Torah arrived, "the earth... became calm."**[13] **Permanence** and stability **were** endowed **to the creation.**

**Since the Utterances and the Commandments share an intrinsic connection, they are equal in number.** The very **existence of the Ten Utterances comes about for the sake of the Ten Commandments. The Ten Utterances exist so that the created beings they brought into being would be illuminated by drawing into them the Ten Commandments** and **their message.**

אוּן דֶערְפַאר זַיְינֶען זֵיי גְלַיְיךְ אִין זֵייעֶר צָאל, ווַיְיל זֵיי זַיְינֶען שַׁיָּיךְ אֵיינֶער צוּם צְווֵייטְן מִצַּד זֵייעֶר עִנְיָן, וָוארוּם דִי מְצִיאוּת פוּן דִי עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת קוּמְט צוּלִיבּ דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, אוּן דִי כַּוָּונָה פוּן זֵייעֶר מְצִיאוּת אִיז, אַז מֶען זָאל בַּאלַיְיכְטְן דִי נִבְרָאִים וָואס זַיְינֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען וֶועט מַמְשִׁיךְ זַיְין אִין זֵיי דִי עִנְיָנִים פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת.

## Ten, Ten, and Ten: a Further Correspondence

**4. When a Jew connects the Ten Utterances with the Ten Commandments – meaning, when he illuminates the world with the light of the Torah – he draws down an abundant flow** of Divine

ד. דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד פַארְבִּינְדְט דִי עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת מִיט דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, דָאס הֵייסְט אַז עֶר בַּאלַיְיכְט דִי וֶועלְט מִיטְן אוֹר הַתּוֹרָה, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט נִמְשָׁךְ צוּ

---

7. *Bamidbar* 7:86.

8. *Zohar,* Vol. III, p. 11b.

9. *Rashi, Bereishis* 1:1.

10. *Bereishis* 1:1.

11. *Shabbos* 88a.

12. *Bereishis* 1:31.

13. *Tehillim* 76:9.

beneficence, **both materially and spiritually.** Thus, **it is written,**[14] **"If you follow My statutes… I will provide your rains in their season…,"** i.e., G-d will grant **all the blessings mentioned in that passage.**

**Since the person will receive the blessings because he drew down the Ten Commandments into the Ten Utterances, the blessings granted him are also ten in number. For this reason, Yaakov was blessed with ten blessings, corresponding to the Ten Utterances.**

דֶעם אִידְן פִּיל הַשְׁפָּעָה אִין גַשְׁמִיּוּת אוּן אִין רוּחְנִיּוּת, ווִי עֶס שְׁטֵייט[צב] אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ גו׳ וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וגו׳, אַלֶע בְּרָכוֹת וואָס עֶר רֶעכְנְט אוֹיס אִין דֶער פַּרְשָׁה.

ווִיבַּאלְד אַז דִי הַשְׁפָּעוֹת בַּאקוּמְט עֶר מִצַּד דֶעם ווָאס עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעווֶען דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אִין דִי עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת, בְּמֵילָא אִיז אוֹיךְ דִי הַשְׁפָּעָה ווָאס עֶר בַּאקוּמְט - אִין מִסְפָּר פוּן צֶען.

אוּן דָאס אִיז ווָאס יַעֲקֹב אִיז גֶעבֶּענְטשְׁט גֶעווָארְן מִיט צֶען בְּרָכוֹת, קֶעגְן דִי צֶען מַאֲמָרוֹת.

## Bridging the Gap Between the Above and Below

**5. On this basis, we can also understand the** ***Zohar's***[15] **statement, "Rabbi Elazar was asked, 'Why were Yaakov's blessings not fulfilled, while Esav's blessings were fulfilled?' Rabbi Elazar answered, 'Yaakov took above, Esav took below.'"** In other words, Yaakov received spiritual blessings, while Esav received material ones.

The full implication of Rabbi Elazar's response **can be understood based on the verse,**[16] **"His righteousness endures forever." The** ***tzedakah*****, acts of kindness, and** ***mitzvos*** **as a whole that a person fulfills in the present era** – his involvement in **the task of refining** the world's material substance – are not transient matters but **are everlasting. The fulfillment of** ***mitzvos*** **draws down light into** ***Atzilus*****. That light** does not shine fully in the present era.[17] Instead, it **is stored away, like valuable gems and pearls stored in a chest. In the Ultimate Future,** this light **will be revealed.** Then, it will become evi-

ה. מִיט דֶעם ווֶעט מֶען אוֹיךְ פַאַרְשְׁטֵיין ווָאס עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר[צג], אַז מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיי רַבִּי אֶלְעָזָר׳ן, פַארְווָאס זַיְינֶען יַעֲקֹב׳ס בְּרָכוֹת נִיט מְקוּיָּם גֶעווָארְן אוּן עֵשָׂו׳ס בְּרָכוֹת זַיְינֶען יָא מְקוּיָּם גֶעווָארְן? הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גֶעעֶנְטְפֶערְט: יַעֲקֹב נָטַל לְעֵלָּא, עֵשָׂו נָטַל לְתַתָּא (יַעֲקֹב הָאט גֶענוּמֶען לְמַעְלָה אוּן עֵשָׂו הָאט גֶענוּמֶען לְמַטָּה).

ווֶעט מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין מִיט דֶעם ווָאס עֶס שְׁטֵייט[צד] צִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד. צְדָקָה, חֶסֶד אוּן מִצְווֹת בִּכְלַל ווָאס מֶען אִיז אִיצְטֶער מְקַיֵּים (ווָאס דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים) - אִיז עוֹמֶדֶת לָעַד. דוּרְךְ קִיּוּם הַמִּצְוֹת ווֶערְט נִמְשָׁךְ אוֹר אִין אֲצִילוּת אָבֶּער דֶער אוֹר אִיז כְּמוּנָּח בְּקוּפְסָא (ווִי בַּאהַאלְטְן אִין אַ קֶעסְטְל), אַזוֹי ווִי ווֶערְטְפוּלֶע שְׁטֵיינֶער אוּן פֶּערְל ווָאס מֶען בַּאהַאלְט זֵיי אִין אַ קַאסְטְן, אוּן דֶער גִּילּוּי

14. *Vayikra* 26:3-4.

15. *Zohar,* Vol. I, p. 143b.

16. *Tehillim* 112:9. See *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 32.

17. Not only is this light not revealed in this world at present, even in the world of *Atzilus*, they do not shine in the present era, but are "stored away" for the future (*Sefer HaMaamarim 5658*, p. 33).

dent that the achievements of these *mitzvos* **endure forever.**

**The fulfillment of** ***mitzvos*** draws down **blessings.** However, **just as the revelation of light elicited by the** ***mitzvos*** **is currently hidden – stored away in a chest,** as it were **– so too, the blessings are presently hidden.**

Thus, **the** ***Zohar*** cited previously concludes, **in the Ultimate Future, "Yaakov will take both above and below and Esav will be utterly destroyed." Yaakov will receive** blessings both above in **the World to Come and below in this world.**

**This is also consistent with what was stated previously: The revelation of light evoked by the** ***mitzvos*** **will be manifest in the Ultimate Future, even in material matters. This is the unique dimension** of that era **– that the material realm will no** longer **conceal** the spiritual **but, on the contrary,** will be the conduit through which the revelations are manifest. **Similarly, regarding the blessings, Esav will be destroyed from the lower world, and Yaakov's blessings will also be realized in this world, in this physical realm.**

פוּן דֶעם וועט זַיין לֶעָתִיד - עוֹמֶדֶת לָעַד.

וויבַּאלְד אַז דִי בְּרָכוֹת קוּמֶען מִצַּד דֶעם קִיּוּם פוּן דִי מִצְווֹת, דֶערְפַאר אִיז אַזוֹי ווִי אִין דֶעם גִילּוּי אוֹר וואָס טוּט זִיךְ אוֹיף דוּרְךְ דִי מִצְווֹת, אִיז דָאס דֶערְווַייל בְּהֶעְלֵם, - כְּמוּנָח בְּקוּפְסָא, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין דִי בְּרָכוֹת, אַז אִיצְטֶער אִיז דָאס בְּהֶעְלֵם.

אָבֶּער לֶעָתִיד לָבוֹא, פִּירְט אוֹיס דֶער זֹהַר, וועט יַעֲקֹב נֶעמֶען אוֹיךְ לְתַתָּא. יִתְאֲבִיד עֵשָׂו מִכֹּלָּא אוּן יַעֲקֹב וועט נֶעמֶען לְעֵלָּא וְתַתָּא עָלְמָא דֵין וְעָלְמָא דְאָתֵי. וּמַתְאִים גַּם כֵּן לְהַנַּ"ל: אַזוֹי ווִי דֶער גִילּוּי אוֹר וואָס ווֶערְט אוֹיפְגֶעטָאן דוּרְךְ דִי מִצְווֹת, וועט לֶעָתִיד לָבוֹא נִתְגַּלֶּה ווֶערְן אֲפִילוּ אִין גַשְׁמִיּוּת, וואָס דָאס אִיז דֶער אוֹיפְטוּ פוּן לֶעָתִיד לָבוֹא אַז גַשְׁמִיּוּת וועט נִיט מַעְלִים זַיין, וְאַדְּרַבָּה, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין דֶעם עִנְיָן פוּן דִי בְּרָכוֹת, שֶׁיִּתְאֲבִיד עֵשָׂו מֵעָלְמָא תַּתָּאָה, אוּן בִּרְכוֹת יַעֲקֹב ווֶעלְן מְקוּיָּם ווֶערְן אוֹיךְ בָּעוֹלָם הַזֶּה אִין גַשְׁמִיּוּת.

## A Foretaste of Redemption

**6. It is stated in the writings of the** ***Arizal***[18] **– and cited as halachah by** ***Magen Avraham***[19] **– that on Friday, one should taste the** ***Shabbos*** **foods,** as alluded to by **the phrase** from our prayers,[20] **"Those who taste it merit life."**

**Now, according to the calculation that "the world will exist for six thousand years,"**[21] **it is already Friday afternoon. It is now the time for us to at least taste** the revelations **of the Ultimate Future. When a person tastes something, he already**

ו. עֶס שְׁטֵייט אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל אוּן דֶער מָגֵן אַבְרָהָם[צה] בְּרֶענְגְט עֶס לַהֲלָכָה, אַז עֶרֶב שַׁבָּת דַארְף מֶען טוֹעֵם זַיין (פַארְזוּכְן) פוּן דִי מַאֲכָלִים פוּן שַׁבָּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט טוֹעֲמֶיהָ חַיִּים זָכוּ[צו].

אַזוֹי ווִי אִיצְטֶער אִיז דָאךְ שׁוֹין - אִין דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן שִׁתָּא אַלְפֵי שְׁנֵי הֲוָה עָלְמָא[צז] - עֶרֶב שַׁבָּת נָאךְ חֲצוֹת, דַארְפְן דָאךְ שׁוֹין זַיין דִי עִנְיָנִים פוּן לֶעָתִיד לָבוֹא בְּדֶרֶךְ טְעִימָה עַל כָּל פָּנִים, אוּן

18. *Pri Eitz Chayim, Shaar HaShabbos,* ch. 3, *et al.*

19. *Magen Avraham,* **Orach Chayim** 250:1.

20. *Shabbos Musaf* **liturgy.**

21. ***Rosh HaShanah*** **31a.**

**experiences** a certain measure of what will ultimately be revealed.

Similarly, a certain measure of **the revelation of *pnimiyus haTorah,* the inner,** mystical **dimension of Torah** that will be manifest in the Ultimate Future, **has been revealed specifically in recent generations. Previously, this** knowledge **was** reserved **only for a** spiritual **elite.** However, **in** these **later generations, it is a *mitzvah* to reveal this wisdom.**[22] **This applies particularly** as these teachings are expounded by **the Baal Shem Tov and the general chassidic movement, and especially through** the teachings of **the Alter Rebbe and *Chabad Chassidus.*** This made it possible for **"Your wellsprings to spread outward,"**[23] i.e., for these teachings to reach **widespread dissemination.**

**True, the revelation of *pnimiyus haTorah* is relevant** primarily **to the Ultimate Future. In that vein, *Rashi* interprets the verse,**[24] **"He will kiss me with the kisses of His mouth"** as referring to "**the** mystical **rationales** and hidden depths **of the Torah that will be revealed in the Ultimate Future." Nevertheless, the revelation of *pnimiyus haTorah* has now already begun,** albeit merely as **a taste,** at present, **during "Friday afternoon," especially** since it is well **after midday.**

This is **what is relevant to us: Since it is already after *midday*, and indeed,** we are **in the time** just before sunset,[25] **we should already** be among **"those who taste it merit life." The revelation of Yaakov's blessings – above and those below,** i.e., **in both spiritual and material matters – should already begin,** bringing **blessing and success materially and spiritually, in goodness that is visible and apparent.**

בְּשַׁעַת מֶען אִיז טוֹעֵם הָאט מֶען דָאךְ אוֹיךְ עֶפֶּעס.

אַזוֹי ווִי דֶער עִנְיָן פוּן גִילוּי פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה ווָאס אִיז נִתְגַלֶה גֶעווָארְן אִין דִי לֶעצְטֶע דוֹרוֹת דַוְקָא, אַמָאל אִיז דָאס גֶעווֶען נָאר לִיחִידֵי סְגֻלָּה, אוּן בְּדוֹרוֹת הָאַחֲרוֹנִים אִיז מִצְוָה לְגַלוֹת זֹאת הַחָכְמָה[צח], וּבִפְרַט דוּרְךְ דֶעם בַּעַל־שֵׁם־טוֹב דוּרְךְ חֲסִידוּת הַכְּלָלִית, אוּן בַּאזוּנְדֶערְס דוּרְכְן אַלְטְן רֶבִּי'ן אִין חֲסִידוּת חַבַּ"ד, אִיז דָאךְ גֶעווָארְן דֶער עִנְיָן פוּן יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה[צט], אִין אַן אוֹפֶן פוּן הֲפָצָה (פַארְשְׁפְּרֵייטוּנְג).

הֲגַם אַז דֶער גִילוּי פְּנִימִית הַתּוֹרָה אִיז שַׁיָּיךְ לֶעָתִיד לָבוֹא, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט יִשָּׁקֵנִי מִנְּשִׁיקוֹת פִּיהוּ[ק] וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י טַעֲמֵי תוֹרָה שֶׁיִּתְגַלוּ לֶעָתִיד, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט זִיךְ שׁוֹין אִיצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער גִילוּי פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, בְּדֶרֶךְ טְעִימָה, אִין דֶעם זְמַן פוּן עֶרֶב שַׁבָּת וּבִפְרַט נָאךְ חֲצוֹת.

אוּן ווָאס אִיז נוֹגֵעַ צוּ אוּנְז: ווִיבַּאלְד סְ'אִיז שׁוֹין נָאךְ חֲצוֹת, אוּן שׁוֹין נָאךְ פְּלַג הַמִּנְחָה, דַארְף שׁוֹין זַיְין דֶער טוֹעֲמֶיהָ חַיִּים זָכוּ, אַז עֶס דַארְף זִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דֶער גִילוּי פוּן בִּרְכוֹת יַעֲקֹב לְעֵלָּא וְתַתָּא סַיי אִין רוּחְנִיּוּת סַיי אִין גַשְׁמִיּוּת, אַז עֶס זָאל זַיְין בְּרָכָה וְהַצְלָחָה בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת בְּטוֹב הַנִּרְאֶה וְהַנִּגְלֶה.

(משיחת ש"פ תולדות, תשח"י)

22. *Tanya,* **Iggeres HaKodesh, Epistle 26, citing the *AriZal.*** See Rav Chayim Vital's introduction to *Shaar HaHakdamos,* reprinted at the beginning of *Eitz Chayim.*

23. ***Mishlei* 5:16.** See the renowned letter of the Baal Shem Tov, printed at the end of *Ben Poras Yosef* and at the beginning of *Kesser Shem Tov, et al.*

24. ***Shir HaShirim* 1:2.**

25. The Rebbe uses the term **"after *plag haminchah,*"** which refers to the time 1¼ seasonal hours before sunset.

פד) זהר ח"א קע, ב.
פה) לקוטי תורה נצבים מה, ג.
פו) דברים יח, יג.
פז) במדבר ז, פו.
פח) זהר ח"ג יא, ב.
פט) פירוש רש"י על התורה.
צ) שבת פח, א.
צא) תהלים עו, ט.
צב) ויקרא כו, ג־ד.
צג) זהר ח"א קמג, ב.
צד) תהלים קיב, ט. אגרת הקדש סימן ל"ב.
צה) אורח חיים סימן רנ, ס"ק א.
צו) נוסח התפלה.
צז) ראש השנה לא, א.
צח) אגרת הקדש סימן כו, אין נאמען פון אר"י ז"ל.
צט) משלי ה, טז.
ק) שיר השירים א, ב.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*